בס"ד

# המצב

## בגזירת הגיוס וכל המסתעף, בבהירות נפלאה

איבערזעצונג פון קלארע און רייכע אינטערוויו
אפגעהאלטן אויף "קול סאטמאר"

## חלק א'

**הגזירה בהווה ובעתיד**
**ודרך המלחמה נגדה כמקובל מרביהקוה"ט זי"ע**

## חלק ב'

**מציאת הדברים סביב ה"כינוס" - ונחיצת האחדות**

סיון תשע"ז

# חלק א׳

## הגזירה בהווה ובעתיד, ודרך המלחמה נגדה כמקובל מרביהקוה"ט זי"ע

שמועס אפגעהאלטן פרשת אח"ק תשע"ז

**שואל: דאס יהדות החרדית שטייט שוין עטליכע יאר אין א מערכה קעגן די ביטערע "גזירת הגיוס" אין ארצינו הק׳, שוין אדורך פארשידענע תקופות, און דער ציבור קוקט שטארק ארויס אויף א קלארקייט, וואס איז די מצב כהיום הזה, וואו האלט די ביטערע גזירה: וואס איז יעצט, און וואס ערווארט מען אויף שפעטער, און וואס איז דער דרך המלחמה פון די עדה החרדית, פון שלומי אמוני ישראל, פון סאטמאר, און אלע ערליכע קרייזן, חסיד׳ישע און ליטווישע.**

**האבן מיר זיך פארבינדן מיט איינעם פון די חשוב׳ע עסקנים וואס באגלייט שוין די אנטוויקלונגען מערערע יארן, און ער וועט אונז אראפגעבן מער דעטאלן מיט א סדר בסייעתא דשמיא.**

**א גוט יאר, ווי געזאגט זענט איר באקאנט מיט די סוגיא, אפשר קענט איר אראפלייגן וואס איז די יעצטיגע מצב. דער ציבור וויל הערן וואס דער מצב איז כהיום הזה.**

**תשובה:** דער אמת איז אז מען קען אריינגיין וואס דער חוק הגיוס איז יעצט, אבער דאס האט אין זיך זייער א סאך שטאפלען, פון יעצט, פון דריי יאר ארום, און פון זעקס יאר ארום, איך מיין אז דער עולם איז צוערשט אינטערסירט צו וויסן וואס ס׳טוט זיך יעצט אויפ׳ן רגע, און שפעטער העמיר צוקומען צו די גאנצע חוק, די גזירה במילואה.

## גזירת "יעדי הגיוס"

די גזירה יעצט אויף די מינוט איז אזוי: מען קען עס אנרופן אין א שם הכולל און מען קען עס צוטיילן. דער שם הכולל דערפון איז, איך וואלט עס אנגערופן **"גזירת יעדי הגיוס"**, דאס איז טייטש אז די רעגירונג האט אראפגעשטעלט קוואטעס פון א געוויסע צאל, וואס אזויפיל און אזויפיל חרד׳ישע אידן דארפן אנקומען אין די מיליטער אדער אין שירות אזרחי.

ווי אזוי קומט מען אן צו דעם?, זיי זענען שוין לײדער אנגעקומען זייער א סאך, די מיליטער אליין זאגט יעצט אז זיי האבן 6,000 חרד׳ישע אידן, - דאס איז אין מיליטער אליין אן די שירות אזרחי, - און אפילו אויב זיי טרייבן אביסל איבער כדי צו צייגן סוקסעס, מיינט עס אבער קלאר אז זיי האבן טויזנטער חרד׳ישע אידן אונטער זייער נעץ, רח"ל.

די שאלה איז: ווי אזוי ארבייט דאס?

אז מען וועט פארשטיין וואס זיי טוען אנצוקומען צו דעם, וועט מען גוט פארשטיין וואס די יעצטיגע גזירה איז. און מיט דעם קען מען אביסל באטראכטן וואס׳פארא מערכה דער יהדות החרדית פירט/דארף פירן, ווי אזוי מען קען באקעמפן די יעצטיגע גזירה - קודם אויפן יעצטיגן מציאות.

די וועג ווי אזוי זיי קומען אן צו די יעדי הגיוס איז איינגעטיילט אין דריי.

## סוג א׳: די וואס שטעלן זיך פרייוויליג

**די ערשטע סוג איז, מענטשן וואס קומען אן פרייוויליג,** מ׳קען לײדער זאגן קלאר אז דאס איז די גרעסטע טייל, ס׳לאזט זיך כמעט נישט גלייבן, אבער אזוי איז לײדער דער מצב אין די קרייזן וואס זענען נישט מיט אונז - שלומי אמוני ישראל. מען האט אלעמאל געזאגט אז פון די התקרבות פון ׳קודם נאר גיין אין כנסת המינים׳, גייט ווערן אזא התקרבות אז מען גייט ווערן ׳עצם מעצמם ובשר מבשרם׳, און וואס א דור שפעטער, וואס א יאר שפעטער, ווערט עס מער און מער, ממש ס׳לאזט זיך נישט גלייבן.

ס׳איז היינט א מציאות אז די וואס פארשטייען נישט אז ציונות איז א פראבלעם – און נאכמער: אפילו זיי זאלן ווען נישט פארשטיין די כפירה הציונות, זיי זאלן אבער נאר פארשטיין אז די דאזיגע מדינה איז א פראבלעם ווייל זיי זענען כופרים און זיי זענען דא פאר העברה על הדת - וואלט גוט געווען. אבער אפילו דאס שפירט מען שוין אויך נישט, מען האט א לײדער די פולסטע סימפאטיע צו די מדינה, מען איז נאנט מיט זייער מציאות אין הארצן, און מען פארשטייט אז ס׳איז נישט געפערליך צו גיין אין זייער מיליטער. א ביטערע מציאות בעוה"ר.

## די צוקערלעך...

פון איין זייט פארשטייט מען אז ס׳איז נישט אזוי געפערליך, און פון די אנדערע זייט איז דא פיתויים, די מדינה האט "אפיציעל" אוועקגעשטעלט מיליאנען דאלאר אויף די קומענדיגע 7 יאר, וואס דאס ווערט אויסגענוצט סיי מיט׳ן אהערגעשטעלטן באזע פון ׳אגענטן׳, וואס דאס איז גענוי ווי יעדע ביזנעס פארמאגט א ׳פובליק רילעישן׳ פירמע וועלכע נעמען אויף זיך צו אדווערטייזן זייער פראדוקט, דאס זעלבע האט די מיליטער, זיי האבן עמטליך מענטשן וואס זענען אויפגענומען ארומצוגיין פארקויפן זייער ׳פראדוקט׳, און זיי טרעפן אלע מיני וועגן ווי אזוי פארצושטעלן די פראדוקט וואס הייסט "צה"ל", ס׳זאל אויסזען ווי א גוטע זאך ביי חרד׳ישע אידן.

נאכדעם איז דא געלט וואס זיי זאגן צו פאר די וואס קומען, זיי האלטן אויס, בעיקר איז דאס נוגע ביי יונגעלייט וואס דארפן פרנסה, און זיי זאגן צו גאר גרויסע זאכן סיי פאר דעם מענטש אליין, פאר יעצט און פאר שפעטער, אויסצוהאלטן זיין משפחה, און אזוי ווייטער.

## שח"ר

צו פארשטיין וויאזוי זיי קענען אריינכאפן חרדישע בחורים און אינגעלייט, דארף מען וויסן אז ס׳איז פארהאן א אפטיילונג וואס הייסט שח"ר, שח"ר איז שילוב חרדים. די שח"ר האט אונטער זיך מערערע אפטיילונגען וואס רוב דערפון זענען אזעלכע סארט וואס ס׳איז ממש נאר אזוי ווי אן אפיס, א ארבייט פלאץ, ס׳איז דא א טעכנאלאגישע אפטיילונג, ס׳איז דא וואס ארבייטן אויף די לופט פלאטע, אדער ענליכע סארט זאכן, און זיי טוען דארט פשוט׳ע ארבייט, נאר ס׳איז אונטער די מיליטער. עפ"י רוב דארף מען זיך אנטון מיליטעריש׳ע קליידער ווען מען איז דארטן, אבער ביינאכט גייט ער אהיים צו זיין שטוב.

**שואל: ס׳איז נישט אויפ׳ן פראנט מיינט איר צו זאגן.**

**תשובה:** ס׳איז נישט אויפ׳ן פראנט, יא, און דאס לאזט זיך גרינגער איבעררעדן.

## כור ההיתוך

מצד אחר איז איבריג צו זאגן יעדעס ווארט וואס דאס מיינט למעשה ווען א חרדי׳שער איד גייט אריין דארט, אפילו ווען ס׳איז יא א חרדי׳שע אפטיילונג וואס

ס'איז נישטא קיין פרויען דארט לאמיר זאגן, איז אבער צווי זאכן - אפילו ווען ס'זאל יא זיין אמת, - קודם כל ווייסט דאך יעדער איינער וואס זייער ציל איז, צו וואס אנצוקומען, זיי זענען נישטא צו שפענדן פאר צו סאך צייט אזויפיל געלט פשוט אז כדי די חרדי'ישע אידן זאלן קענען זיין ערליך דארטן... יעדער בר דעת וואס האט אביסל שכל פארשטייט אז אריינגיין אונטער זייערע הענט מיינט אז אפילו אויב יעצט שטעלן זיי דיר צו עטוואס חרדיש'קייט, איז אבער קלאר אז ווי-נאר זיי האבן שוין א האנט אויפ'ן חרדי'שן ציבור, עס איז שוין א פאקט אז "מען גייט אין מיליטער" רח"ל, וועט זיך אלעם טוישן מיט דראסטישע דרגות שאין לשער ולתאר.

און אפילו אויף וואס ס'איז יעצט, איז וואס די מציאות ווייזט אז "קיינער" קומט נישט צוריק אזוי ווי מען גייט אריין! יעדער ווייסט היינט, אפילו ווען מען גייט צו א ארבייט פלאץ - איך רעד אפילו דאהי, - ווייסט מען אז מען דארף קוקן וואס די סביבה איז, ווער זענען די בעלי בתים, און כל שכן ווען א טאטע וואלט געשיקט זיין בחור ארבייטן, לאמיר זאגן ער זאל פארשטיין אז זיין בחור באלאנגט שוין נישט אין ישיבה און ער וויל אים שיקן ארבייטן, וועט ער קוקן מיט זיבן אויגן בעפאר, ווער זענען די ארבייטס-געבער און ווער זענען די ארבייטער דארט, און וואס איז די אטמאספער אינעם פלאץ.

איז איבריג יעדעס ווארט צו זאגן ווען די בעלי בתים זענען די צה"ל'ניקעס, די מדינה, די כופרים בה' ובתורתו הק', דארף מען נישט קיין סאך זאגן וואס די אטמאספער דארט איז, און ס'איז נישט קיין ספק וואס דאס איז משפיע אויף איינעם וואס גייט אריין דארט ארבייטן, די פריקת עול, די אטמאספער פון פרייהייט און געמיינקייט הערשט אויף אלע פראנטן, און ממילא קומט מען אן ווי מען קומט אן. ה"י.

## די שטיל שווייגעניש

אבער דאס פארציילט מען דאך נישט פאר'ן ציבור. נישט נאר וואס די מיליטער פארציילט עס נישט, נאר אפילו די אלע פרעמדע קרייזן. אמאל איז נאך געווען אז עס האבן זיך געטראפן גדולים אפילו ביי די ליטווישע און ביי די ספרד'ישע וועלכע זאלן שרייען קעגן דעם געדאנק פון דינען אין צה"ל, אפילו הרב עובדי' האט נאך געשריבן עפעס קעגן די מיליטער, - הגם זייער א סאך ספרד'ישע זענען ליידער יא געגאנגען אלע יארן, אבער די אפיציעלע ליניע איז געווען אז מיליטער איז א פראבלעם.

און היינט - מען קען אריינגיין פארוואס ס'איז אזוי געווארן - אבער ליידער איז אזא מצב אז מען רעדט נישט אין ערגעץ קיין ווארט קעגן די מיליטער, ממש קיינער (מיר רעדן פון די אפיציעלע אגודיסטישע גאס, נישט אריינגערעכנט די ירושלימ'ע ליטווישע פראקציע, וועלכע שרייט יא איבער דעם, אבער שטייט אליינס איזאלירט פון די ברייטע גאס).

[באמת, מען קען יא זאגן פארוואס ס'איז געווארן אזא שווייגעניש, הגם מען קומט נישט באשולדיגן קיינעם, אבער די מציאות איז אז וויבאלד ס'איז געווארן א פערזענליכע מערכה וועלכע איז אריין אין א הייסע פאליטיק, ספעציעל קעגן דגל התורה און קעגן רב שטיינמאן, און די מציאות היינט צוטאגס איז - צי אין א ליטווישע ישיבה, צי אין א ספרד'ישע ישיבה – אז אויב מען וויל פשוט קומען דארט טיילן ביכלעך אדער אויפהענגען עפעס א צעטל, עפעס מעורר זיין קעגן די ענין פון גיוס, אפילו ווען מען זאל דארט שרייבן ווערטער פון זייערע אייגענע גדולים, ווערט עס גלייך אראפגעפליקט, מען איז עס מבער!

פארוואס? ווייל דאס איז "קעגן", דאס איז פשט, ס'איז געווארן אז ווען מען רעדט א ווארט קעגן גיוס איז עס א געווינס פאר איין צד און א דורכפאל פאר די צווייטע צד. ממילא קומט א בחור וואס נעמט זיך אן פאר "כבוד התורה", ער נעמט זיך אן פאר רב שטיינמאן, ער נעמט זיך אן פאר זיין פארטיי און ער פליקט עס אראפ.

ממילא, אפילו ס'נישטא קיין לעזונג דערצו, און אפילו אויב קיינער איז נישט שולדיג אויף דעם, אבער דאס איז די מציאות אז ווייל ס'איז געווארן א פאליטיק, א "פערזענליכע מערכה", פארשטאפט מען יעדן דאס מויל. דאס איז היינט דער מציאות]

## מפחדים לומר...

איך האב געהערט פון א געוויסע ראש ישיבה וואס איז דא געווען, ער האט מורא'דיג געוויטאגט אויף בחורים וואס האבן אמאל געלערנט אין זיין ישיבה און לעצטנס איז ער געוואויר געווארן אז זיי זענען היינט אין צה"ל, און ער זאגט אז ער קען זיך נישט וואגן צו עפענען דאס מויל צו זאגן א ווארט קעגן גיוס, ווייל מען זאגט אים, אה, דער האט זיך אנגענומען פאר יענעם, און דער איז קעגן דעם. ממילא איז ליידער געווארן אזא מציאות אז מען הערט נישט ממש דארט רעדן קיין ווארט, - אפגערעדט פון די ראשי דגל התורה, צי די חברי הכנסת, צי די הויפט רבנים דארט, וואס אין באשעפער ווייסט אויב זיי האלטן בכלל אין הארץ אז גיין אין מיליטער איז בעצם א פראבלעם, - אבער אפילו ווען ס'איז דא אנדערע ראשי ישיבות, ערליכע, ערנסטע, צי ביי די ליטווישע, צי ביי די ספרד'ישע, וואס ווילן פשוט זאגן עפעס א ווארט התעוררות, זענען זיי מיט געבינדענע הענט, זיי קענען ממש נישט זאגן קיין איין ווארט.

אויב איז דאס נישט גענוג איז דא זאכן וואס זענען נאכמער אומגלויבליך, אבער דאס איז די מציאות. ס'איז לעצטנס אנגעקומען צו "מרכז עזרה ויעוץ" ממש א קראנטע באריכט, ס'איז געקומען א בחור איינער וואס איז געווען אין צה"ל, און ער האט געבערענגט א גרוס פון א חסידישער יונגערמאן וואס איז דארטן, וואס ער געהערט צו א חסיד'ישער קרייז, און יענער האט געזאגט אז ער איז געגאנגען צו זיין רבי פרעגן - גראדע איינע פון די קלענערע חסידות'ן נישט פון די גרויסע, - און זיין רבי האט אים געזאגט אז יא, ער דארף פרנסה און דארט שטעלט מען אים דאס צו, מען געט אים אזעלכע גוטע באדינגונגען וואס ערגעץ אנדערש איז נישטא, ס'גייט זיין א חרדי'ישע אפטיילונג, זאל ער גיין! פארוואס נישט.

און דאס איז איין מעשה וואס איך האב נאר געהערט ערשט האנטיג, אבער ס'איז קלאר אז ס'איז נישט איין מעשה.

**שואל: מיינט דאס אז זיי פארשטייען שוין נישט דעם פראבלעם?**

**תשובה:** ס'איז דא וואס פארשטייען עס נישט, ס'איז דא וואס "ווילן עס נישט פארשטיין", אבער דאס איז די מציאות - אזוי ווי מען ווייסט ליידער - מען ווערט עצם מעצמם פון די מדינה, ממילא ווערט די שירות צבאי אויס פראבלעם, מען לאזט זיך פארנארן, מען לאזט זיך איבעררעדן.

דאס איז די ערשטע חלק, וואס די גרעסטע חלק פון די וואס זענען יעצט אין מיליטער איז פון דעם.

אבער פון דעם אליין קומען זיי נאכנישט אן צו די "יעדי הגיוס", איז צו דעם האבן זיי נאך זאכן וואס זיי טוען, וואס דאס איז קלאר אויסגעשמועסט אין א 'מאושען' וואס די מדינה האט אריינגעגעבן אין די בג"ץ, וואס שפעטער וועט מען צוקומען צו דעם אויסצושמועסן מער בפרטיות וואס די מדינה שרייבט דארט. אבער קודם נאר צו פארשטיין אויף הלכה למעשה וואס זיי טוען יעצט איז דא נאך צווי זאכן.

**שואל: בעפאר איר גייט ווייטער, די ערשטע קאטעגאריע ווי מען רופט עס וואס זיי גייען פרייוויליג, וואס'ערע סארט בחורים, וואס זענען שוואך אין לערנען אדער לאו דוקא?**

**תשובה:** איך וואלט געזאגט אז ס'איז מסתמא מער יונגעלייט ווי בחורים, א בחור - פארשטייט זיך א בחור וואס איז נישט שוואך - געווענליך בלייבט אין ישיבה, אבער א יונגערמאן קען שוין זיין מער, אז ער וויל גיין זוכן פרנסה, ער וויל שוין נישט בלייבן לערנען, און ביי אזא יונגערמאן קען זיין אפילו נישט אזא שוואכע יונגערמאן, א פשוט'ע מיטל-גארטיגער יונגערמאן, א עווידזש ווי מען וואלט עס ביי אונז גערופן, קומט אהין אן, מרצונו הרע ליידער.

## סוג ב': די מדינה איז מפתה

נאכדעם איז דא נאך צוויי זאכן וואס די מדינה טוט פון זייער זייט, איינס איז אזוי: היינט צוטאגס, אויפ'ן יעצטיגן גזעץ אויף די יעצטיגע מינוט, קען מען באקומען א דיחוי, יעדע בחור וואס ברענגט א צעטל פון זיין ראש ישיבה אז ער לערנט פארמיטאג און נאכמיטאג, און די "ועד הישיבות" שרייבט עס אונטער, אויב דער בחור האט טאקע א ישיבה, ער לערנט באמת אין ישיבה, ער איז נישט אן ארבייט'ס בחור, האט ער נישט קיין שום פראבלעם סתם אזוי.

אבער טאמער איז ער אביסל א שוואכערער בחור, דעמאלטס ווען ער קומט אן אין לשכת הגיוס, זעען זיי עס גלייך, מען קען דאך זען אויף א בחור פון וואס'ערע סחורה ער איז, מען זעט ער האט אביסל קליינע פייקעלעך, ער האט זיך אביסל צוגעפיצט די באָרד, צי מען זעט ביי א ליטווישן א קליינע קאפעלע אן קיין רעקל, צי ער גייט אזוי פארשלאכטע, מען זעט אז ער זעט אויס אביסל אזוי פון יענע זייט... דעמאלטס אנשטאטס אים גלייך באשטעטיגן, נעמען זיי אים אריין עקסטער און מען פרובירט צו רעדן צו יענעם, מען הייבט אים אן צו פרעגן, ביסטו טאקע זיכער אז די ישיבה איז טאקע פאר דיר?, גיב א קוק, דו ווייסט דאך אליין וואס האסטו מיט דיין ראש ישיבה, האסט דאך גארנישט קיין שייכות, דא וועסטו האבן מענטשן וואס וועלן דיך מחזק זיין, דו וועסט האבן אפילו רבנים, און ס'איז דא דארט בילדער ווי אזוי סאלדאטן פירן זיך אויף חרד"יש, זיי טוען אן טלית ותפילין, און ס'קומען אידן מיט וויסע בערד דארטן זיי מחזק זיין, - געווענליך מיינט עס מער מזרחי'סטישע, אבער נישט קיין חילוק, ס'האט א געהעריגע היימישע פנים, - און זיי פרובירן אים איבערצורעדן, און געוויסע סארט בחורים, כ"ש אזעלכע ספרדישע בחורים וואס זייערע משפחה מיטגלידער זענען אויך געגאנגען אין צה"ל, לאזן זיך ליידער איבעררעדן.

און דא ביי די צווייטע קאטעגאריע וואס אונז רעד מיר יעצט, איז אויך קלאר אז דאס האט שייכות מיט דעם וואס ס'איז נישטא קיין קול מחאה, ס'איז נישטא קיין קול התעוררות קעגן די ענין פון גיין אין מיליטער, און ממילא ווען ס'קומט צו בחורים פון ווייטערע קרייזן אדער אין שוואכערע מצבים, איז ליידער זייער גרינג זיי מפתה צו זיין. אוודאי ביי אונזערע בחורים פאסירט עס נישט כמעט, חוץ איינער וואס איז שוין ממש נתדרדר געווארן, אבער ביי די סארט בחורים וואס זענען נישט אזוי פעסט ביי זיך אז מען טאר נישט גיין אין מיליטער, ביי אזעלכע פאסירט עס אז מען לאזט זיך איבעררעדן. דאס איז די צווייטע קאטעגאריע.

## סוג ג': א פארפלאנטערטע דיחוי

און די דריטע איז, די מדינה שרייבט עס ארויס אין זייער בריוו צום בג"ץ, אז די "דיחוי" האט פארלאנגען, אז מען דארף נאכקומען געוויסע סטאנדארטן צו קענען באקומען א דיחוי.

ס'איז געווען אמאליגע יארן ווען זיי האבן זיך געשטעלט דערויף זייער שטארק צי דער בחור קומט נאך אלע פארשריפטן צו באקומען א דיחוי, דערנאך האט מען געמאכט אלע הארבסטע בדיקות. שפעטער איז אבער געווארן אביסל גרינגער.

די לעצטע 20-30 יאר איז געווען זייער גרינג, מ'האט באקומען א בריוו, באקומען א אונטערשריפט פון ועד הישיבות, און ס'איז געגאנגען גאר גרינג, מען קען זאגן אז ס'איז געווען זאטע יארן - ווי מ'זאגט.

היינט צוטאג, וויבאלד מען האט אנגעהויבן ציהלן אנצוקומען צו די יעדי גיוס, האבן זיי זיך צוריקגענומען צו דעם, צו קוקן פונקטליך וויפיל מ'לערנט - זיי קוקן נאכנישט ממש נאך יעדע ישיבה וויפיל שעה מען לערנט דארטן, - אבער זיי קוקן נאך זייער שטארק טאמער זיי זעען סיי וועלכע סיבה אויף א בחור, צי מען האט אינפארמאציע אויף אים אז ער ארבייט ערגעץ, (ס'דא פארשידענע אינפארמאציע וואס גייען אריין אין א דעיטע בעיס פון א רעגירונג ווי אזוי מען ווייסט אז ער ארבייט ערגעץ), אדער ער האט זיך פארשלעפט, ער איז ארויסגעפארן פון לאנד נאכן מועד התייצבות, סיי וועלכע זאך ער איז נישט נאכגעקומען די סטאנדארטן צו קענען באקומען א דיחוי, פרובירן זיי נאר צו מאכן פראבלעמען, און מען קען אפילו ווערן ארעסטירט! אויב מען זאגט אז מען וויל נישט גיין אין מיליטער און זיי טענה'ן 'ניין דו האסט נישט קיין מעמד בן ישיבה', קען מען פאר דעם אנקומען אין תפיסה, און דאן דארף מען שוין ערנסטע שתדלנות באפרייט צו ווערן, און א בחור וואס איז נישט גענוג אנטשלאסן קען זיך חלילה פריצייטיג אונטערגעבן און מסכים זיין צו גיין אין מיליטער ר"ל.

## ווי אזוי באקעמפט מען די גזירה?

איז די שאלה ווען מען ווייסט קלאר אז דאס איז יעצט די גזירה, די גזירה יעצט איז אז די רעגירונג ארבייט אויף אלע פראנטן אנצוקומען צו זייערע יעדי הגיוס, דארף מען יעצט ווייסן ווי אזוי באקעמפט מען די גזירה?

די ערשטע קאטעגאריע וואס מען רעדט, פון די וואס קומען פון זיך אליין - וואס ס'איז ליידער א דאנק דעם וואס די היימישע חרדי'שע גאס איז אזוי נאנט מיט די כופרים ליידער, און מען קען הערן אפילו רעדעס פון די אייגענע חברי הכנסת וכדו' וועגן אחדות, אז די פאלק דארף זיין צוזאמען און מען טאר זיך נישט קריגן, און איך רעד שוין נישט פון די ציונות וואס מען לייענט אין די אייגענע צייטונגען פון די אייגענע פארטייען, ממילא לעבט מען נישט בכלל מיט קיין התבדלות פון זיי, או מען פארשטייט נישט דעם פראבלעם פון גיין נעמען פרנסה ביי זייער מיליטער רח"ל, איז צו דעם ליידער קען מיר אונז זייער ווייניג טון. דערפאר שרייט רבינו שליט"א כסדר אויס די דאזיגע נקודה, אז די ברייטע גאס דארף זיך באצייטנס מאכן א חשבון הנפש וואו מען קומט ליידער אן, בשר מבשרם!

און די זעלבע זאך לגבי וואס מיר האבן גערעדט אז די ראש ישיבות דארט, אפילו ווער ס'האלט יא ביים רעדן, ציטערט ממש צו זאגן א ווארט, ווייל מען וועט זאגן ער האט זיך אנגענומען פאר די אנדערע ליטווישע פארטיי, צו דעם קען מיר ליידער ליידער זייער ווייניג טון.

## מ'שטעלט אויף א "מרכז עזרה ויעוץ"

די שאלה בלייבט נאר אויף די אנדערע צוויי סוגים. צוליב די צוויי זאכן האט די בי"ד באשלאסן אויפצושטעלן די "מרכז עזרה ויעוץ", און ס'איז געווארן אהערגעשטעלט דורכ'ן ועד משמרת חומותיך ירושלים, און דער אפיס ווערט בס"ד אויסגעהאלטן דורך די נדבות פון חסידי סאטמאר דא אין אמעריקע.

די פשט פון דעם מרכז עזרה ויעוץ איז אזוי: ס'איז דא עסקנים וואס טוען שוין באמת לאנגע יארן אין דעם ארויסצוהעלפן בחורים ביים זיך שטעלן, אין פאל ס'מאכט זיך סיי וועלכע פראבלעם.

יעצט, וויבאלד ס'איז געווארן אזא מצב אז די רעגירונג מאכט מער און מער פראבלעמען, האט מען אויפגעשטעלט פאר דעם דער "מרכז עזרה ויעוץ", און זייער ארבייט איז דאס, א טאטע וואס ווייסט אז זיין בחור גייט האבן סיי וועלכע פראבלעם, צי ער שפירט אז זיין בחור איז אביסל א שוואכע בחור און ס'קען זיין זיי גייען זיך פארלייגן אויף אים, צי דער בחור אליין ווייסט אז ער האט עפעס אויף וואס זיי קענען זיך ארויפכאפן, קומט ער בעפאר דעם זיך דורכרעדן מיט די מרכז עזרה ויעוץ, און זיי באגלייטן אים אויף טריט און שריט.

**און מען דארף ארויסהייבן הרה"ח ר' שמעון שישא שליט"א וואס ער האט אן אויסטערלישע עקספערטיז אין די זאכן, אויסער וואס בכלל איז ער דער "אבי האסורים", יעדער וואס ווערט איינגעשפארט טרעפט ער אלע סארט וועגן וויאזוי ארויסצונעמען, און ער ארבייט מיט לויערס אויף אן אפנארמאלע מסירות נפש'דיגע אופן 25 שעה א טאג, איז צוגעקומען דאס אז מען באגלייט יעדע בחור וואס זיין טאטע וויל זיך שפירן רואיג, דער בחור אליין וויל וויסן וואס ס'גייט אים ערווארטן, וואס מ'גייט אים פרעגן, ער זאל נישט ווערן פארלוירן, ער זאל וויסן ווי אזוי זיך צו האלטן פעסט און וואס צו ענטפערן. אויף דעם האט מען אויפגעשטעלט די מרכז עזרה ויעוץ, וואס דאס**

**איז די שטערקסטע וואפן וואס ס'איז היינט שייך צו זיך צו באהיטן פון די צוויי פראבלעמען וואס זענען יעצט דא מאמענטאל אויף די מינוט.**

## הסברה וכינוסים

פארשטייט זיך אז עדה החרדית פרובירט אויך צו טון אלעס וואס זיי קענען, און דער מרכז עזרה ויעוץ פירט דאס אלעס אן, ס'זאל זיין הסברה פאר'ן עולם, מען מאכט כינוסים פון צייט צו צייט דער עולם זאל פארשטיין די פראבלעם, מען זאל פארשטיין אז מען דארף זיך האלטן פעסט, און אז מען דארף א סאך מאל האבן מסירות נפש. און די זעלבע זאך פרובירט מען אין די ברייטע גאס צו מאכן - אויף וויפיל ס'איז שייך - אביסל הסברה, אז ס'זאל נאך בלייבן אין די גאס א לופט אז גיוס איז א פראבלעם.

און דא איז אויך דא זייער א סאך חשוב'ע עסקנים, אפילו פון אנדערע קרייזן, וואס העלפן זייער ארויס מיט דעם, עכ"פ ביז וויפיל מען קען. און דאס איז די זייטיגע פעולות וואס מען דארף אויך טון.

אבער די הויפט זאך ווי אזוי מען קען באקעמפן די גזירה באמת, אז א טאטע זאל שפירן אז ער קען זיין רואיג, אז מען וועט באגלייטן זיין בחור און ער וועט ארויסקומען אי"ה באפרייט, דאס איז **"מרכז עזרה ויעוץ"** און פאר דעם איז דאס געווארן אויפגעשטעלט.

די מרכז עזרה ויעוץ שטייט שוין עטליכע יאר, זייט דעמאלטס האט זיך שוין געעפנט נאך עטליכע אפיסעס וואס פארשטייען אויך צו דעם, צו באגלייטן, אויסער וואס ס'האט זיך געעפנט א עקסטערע אפיס פאר ספרד'ישע, און עקסטער ביי די ליטווישע, און אפילו פון חסיד'ישע איז שוין דא היינט אנדערע וואס העלפן צוגרייטן די בחורים בעפאר מען שטעלט זיך.

כאטש וואס מען קען זאגן אז ס'איז אין א בחינה פון 'כל דבר הקשה יבואון אלי', אז ס'מאכט זיך עפעס א ערנסטע פראבלעם קומען זיי אלע אריבער צו "מרכז עזרה ויעוץ", ווייל פאקטיש זענען דארט פארהאן די לאנג יעריגע עסקנים, נישט פון היינט נאר שוין פון צענדליגער יארן, און מיט די ריכטיגע לויערס וואס האבן די עקספיריענס, אבער למעשה איז עס א שטארקע הילף אז געווענליכע זאכן, זאכן וואס גייען גרינגער, איז דא היינט ב"ה נאך עטליכע אפיסעס וואס העלפן ארויס די בחורים.

## "פטור"

**שואל: איר רעדט בנוגע די צוויי קאטעגאריעס, די צווייטע און די דריטע, זענען די וואס זיי ווילן נעמען א דיחוי. וואס איז היינט מיט די וואס דרייען זיך ארויס אויף אנדערע וועגן?**

**תשובה:** די אנשי עדה החרדית, אזוי ווי דושינסקי, תולדות אהרן, סאטמאר און תולדות אברהם יצחק, די אלע אונזערע סארט קהילות ווי מען זאגט, האבן עפ"י רוב נישט אנגעהויבן מיט די זאך פון נעמען א דיחוי. די סיבה איז וואס איך האב געהערט פון הרה"ח ר' חיים ראטה שליט"א, וואס ער איז געווען דער וועם תולדות אהרן רבי זצ"ל האט געשטעלט צו באגלייטן בחורים זיך ארויסצודרייען פון מיליטער, דערציילט ער אזוי, אז מתחילה האט דער תולדות אהרן רבי אנגעהויבן א מהלך אז מ'זאל זיך בכלל נישט שטעלן, "איני מכיר", אונז אנערקענען מיר נישט די גאנצע מדינה, אז זיי האבן באשלאסן אז איך דארף גיין אין מיליטער וואס האב איך מיט זיי, איך גיי נישט בכלל און פארטיג.

## דעת רביה"ק ז"ל בנוגע די מהלך פון "איני מכיר"

למעשה שפעטער איז דער רבי ז"ל געווען אין ארץ ישראל און ער האט געשמועסט מיט די תולדות אהרן רבי, מען האט גערעדט פון די נושא, האט אים רביה"ק זי"ע געזאגט אז ס'איז נישט קיין עצה, למעשה איז דא א רעגירונג, און אונז זעמיר נישט פריי פון די רעגירונג, אונז זעמיר אין גלות ביי זיי, און מען דארף קוקן מיט אחריות אויף פאראויס וואס גייט זיין מיט די בחורים, מען דארף טרעפן א וועג זיך ארויסצודרייען פון מיליטער!

און אזוי ווי אונז ווייס מיר דאך אז גזירת גיוס איז געווען אין פילע גלות'ן, און אלס האט מען געטון אנדערע פעולות זיך ארויסצודרייען, האט דער תולדות אהרן רבי באשלאסן אז מען גייט טון די סארט פעולה ווי אזוי מען פלעגט אמאל טון.

דהיינו, די בחורים וואס זענען נישט פעאיג צו דינען אין מיליטער זאלן גיין אויפווייזן אז זיי זענען נישט פעאיג צו גיין, און אז מען איז נישט פעאיג באקומט מען א "פטור". דאס איז אונזער וועג ווי אזוי מען האט זיך אלע יארן גע'פטר'ט. און לגבי די וועג איז שוין געווען זייער א סאך תקופות ווי שווער דאס איז געגאנגען.

## ההחלטה ליטול "פטור" ולא "דיחוי"

אז איך רעד פון וואס די תולדות אהרן רבי האט געזאגט, האט מיר רבי חיים איבערגעזאגט וואסערע טעם ער האט געזאגט פארוואס ער וויל נישט גיין מיט א "דיחוי". ער האט געזאגט אז ער וויל נישט בשום אופן א דיחוי ווייל א דיחוי איז א מהלך וואס מען האט אויסגעארבייט פאר "בני ישיבות", זאגט ער, און וואס וועל איך טון מיט א בחור וואס ארבייט?, מיט א בחור וואס זיצט שוין נישט אין ישיבה? און נישט דוקא א בחור, יענע יארן האט מען געדארפט באנייען יערליך דעם דיחוי ביז קרוב צו די 40 יאר! איז וואס טוט מען מיט איינעם וואס ער ארבייט שוין, איינער וואס בלייבט נישט אין כולל?, גיי איך מפקיר זיין דער שוואכער בחור, צי דער יונגערמאן וואס וויל גיין ארבייטן?, אים וועל איך דארפן מפקיר זיין, איך וועל זאגן אויף אים געב איך נישט קיין חתימה? דאס האט ער נישט געוואלט.

און מדארף טאקע וויסן דאס, ס'איז דא מערערע בריוון פון די אמאליגע ועד הישיבות איבער דעם, ס'איז דא אפילו א בריוו פון הרב שך וואס ער האט דעמאלטס געשריבן, ער האט דעמאלטס געשריבן אז א ראש ישיבה טאר נישט געבן קיין דיחוי פאר א בחור וואס ארבייט, אפילו אויב דער בחור לערנט אין ישיבה, אויב האט ער זייטיגע ארבייט זאל מען אים נישט געבן קיין דיחוי, און אויב מען געט אים יא הייסט מען א "רודף עולם התורה" ווייל מען שטערט דעם דיחוי וואס איז געווידמעט פאר די בני ישיבות!

ווייל די ענין פון דיחוי איז מתחילה געווען נאר פאר "בני ישיבות". ממילא האט דער תולדות אהרן רבי געזאגט אז איך קען נישט גיין אויף א מהלך אז איך גיי מפקיר זיין די וואס לערנען נישט, ממילא האט ער אנגענומען די מהלך פון די וואס אונז האמיר גערופן, 'אונזער וועג'. און דאס גייט שוין אן לאנגע יארן.

## הקושיים ליטול "פטור"

און דאס האט אויך תקופות, ס'איז דא תקופות וואס ס'איז שווער, ס'איז דא תקופות וואס ס'איז גרינג, די ערשטע יארן איז עס באמת געווען זייער שווער, אונז וויס מיר זייער א סאך פון אונזערע עלטערן פון די פריערדיגע דור, איז דא אזעלכע וואס קענען נאך היינט נישט פארן געהעריג אויף ארץ, ס'איז דא זייער א סאך וואס האבן לעגאלע פראבלעמען פאר דעם, ווייל די זאך איז נישט דורכגעגאנגען, אבער מען האט פרובירט וויפיל מען האט געקענט, און ווען ס'איז נישט געגאנגען האט מען פרובירט צו אנטרינען ווערן וויפיל מען האט געקענט.

אבער במשך די צייט איז געווארן ב"ה גרינגער די מצב אין די נושא. און שוין אריבער צוואנציג יאר וואס ס'גייט שוין אן אויף גאנץ א רואיגע אופן, הגם מען קען זאגן אז א טאטע וואס האט א בחור וואס דארף זיך גיין שטעלן ווייזן אז ער איז נישט פעאיג, אזא טאטע שלאפט נישט רואיג א פאר נעכט בעפאר דעם! ס'איז נישט קיין גרינגע דורכגאנג, אבער דאס איז וואס מען האט צו טון זייענדיג אונטער'ן גלות הציוני, איז דאס די מהלך זיך ארויסצודרייען, אויף דערווייל.

לעצטנס רעדט מען אויך פון געוויסע פראבלעמען וואס מאכט זיך אויף די פלעצער, וואס ס'איז נישטא דאס פלאץ אויסצושמועסן, נישט אלעס וואס מען זאגט איז ריכטיג, אבער ס'איז פשוט זיי הייבן צוריק אן מאכן פראבלעמען. ס'איז שוין

געווען עטליכע תקופות אהער און אהין, אבער אויף דעם איז דא ב"ה די ריכטיגע עסקנים וואס ארבייטן אויף אלע סארט טיכטיגע מהלכים, און מען ארבייט אז אלעס זאל זיין בסייעתא דשמיא על צד היותר טוב, און אין דעם גייט אריין זייער א סאך ארבייט, ווייל אזא בחור וואס איז באמת נישט פעאיג זיך צו שטעלן, די בחורים דארפן א טאטאלע באגלייטונג ממש מתחילה ועד סוף, מען דארף וויסן פונקטליך וואס מען האט צו טון, וואו מען האט צו גיין, און וואס מען האט צו זאגן, און אין דעם ליגט זייער זייער א סאך ארבייט.

יעצט, די זאכן וואס מאכן זיך פראבלעמען, איז נישט קיין זאכן וואס איז א טובה צו רעדן דערפון, די וועלכע רעדן דערפון זוכן בלויז אונטערצוהאקן אונזער דרך הצלה היל"ת ואכמ"ל, בסייעתא דשמיא זענען פארהאן די ריכטיגע עסקנים וואס געבן זיך אפ דערמיט, און ווער ס'דארף באמת צוקומען דערצו, דער ווייסט צו וועמען זיך צו ווענדן, און וויאזוי זיכער צו מאכן אז ס'גייט אדורך בכי טוב בסייעתא דשמיא.

**שואל: ס'הייסט אז כהיום מיט די הילף פון די עסקנים איז דא א מציאות פון באקומען א פטור?**

**תשובה:** יא. ס'דא א גזירה פון גיוס שוין זייט די מדינה שטייט, און דאס איז געווען די וועג ווי אזוי מען איז ארויסגעטאנצן פון פייער, דאס איז געווען די וועג ווי אזוי מען האט זיך מסדר געווען, און ב"ה ביז דערווייל גייט עס אן אויף די זעלבע וועג, דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער.

## התייצבות ללשכה

**שואל: וואס טוט זיך בעצם בנוגע התייצבות?, כהיום ווי אזוי איז די מהלך פון די בית דין צדק?**

**תשובה:** די מהלך פון בי"ד איבער התייצבות איז אזוי. ס'איז באקאנט אז ס'איז דא א פסק דין פון בית דין איבער דעם. די פסק דין איז ארויסגעקומען בשנת תשע"ג, ביי יענע ישיבת בי"ד איז געווען אנהייב ווען ס'האט זיך אנגעהויבן מיט די גזירה, לפיד שר"י איז דעמאלטס געווען אין די רעגירונג און ער האט אנגעהויבן, ער האט דעמאלטס געמאכט א געזעץ אז ביז צוויי יאר גייט מען נישט קענען מער באקומען קיין דיחוי, דאס טייטש אזוי, די עמטליכע וועג ווי אזוי א בן ישיבה דרייט זיך ארויס איז דורך א "דיחוי", האט ער געוואלט אז ביז צוויי יאר זאל ווערן אויס מיט די גאנצע זאך, מען קען נישט באקומען קיין דיחוי נאר ביז די 21 יאר, אבער פון די 21 יאר מוז מען גיין אדער אין מיליטער אדער אין שירות אזרחי, חלילה, און אויף דעם האט בי"ד דעמאלטס זיך צוזאמגעזעצט.

דעמאלטס איז געקומען אין בי"ד די ליטווישע עסקנים וואס זיי האבן געהאט געמאכט אזא מהלך אז מען גייט זיך נישט שטעלן בכלל, זיי האבן פרובירט קודם צו ארבייטן ביי די 'מועצת', אז די גאנצע מועצת פון די אגודה זאל אננעמען אזא החלטה, אבער פארשטייט זיך אז דארט, יעדער ווייסט דאך ווי אזוי זיי פרובירן נאר זיך דורכצוקומען מיט די רעגירונג, אלעס זאל זיין שטיל, און די עיקר איז אז דער באן זאל פארן, און ממילא האבן זיי נישט אנגענומען דעם אנבאט, אפילו דעמאלטס ווען זיי זענען נישט געווען אין די קאאליציע.

און ממילא זענען דעמאלטס געקומען די ליטווישע עסקנים צו די עדה החרדית אז מען זאל זיי מחזק זיין מיט די זאך פון "אי התייצבות", אז מען גייט זיך נישט שטעלן.

## די שוועריגקייטן מיט די מהלך פון "זיך נישט שטעלן"

בעצם די דיון אויף דעם איז א מורא'דיגע אחריות'דיגע דיון, פארוואס, ווייל א בחור וואס שטעלט זיך נישט, ער באקומט אויף די פאסט א "צו מעצר" אז ער דארף ווערן ארעסטירט ווייל ער איז א 'משתמט', און די צו מעצר גייט נישט אראפ פון אים "כל ימי חייו", ממילא דאס איז נישט קיין פשוט'ע זאך, און פארשטייט זיך אז ס'איז א זאך וואס מען קען נאר טון אויב ס'גייט עפעס אויפטון און מען איז שוקל שכר כנגד הפסד, איז דעמאלטס קען מען ארויסגיין מיט אזא זאך.

דעמאלטס אבער האט בי"ד דן געווען אויף א אנדערע נקודה, ס'איז געקומען דעמאלטס א עורך דין, און דער עורך דין האט געזאגט אז איינער וואס שטעלט זיך און צום סוף באקומט ער נישט קיין דיחוי, (וואס דעמאלטס האט דאך עס אזוי געהייסן אז גאר גאר בקרוב גייט מען שוין בכלל נישט קענען באקומען א דיחוי נאך די 21 יאר), איז אויב וועט ער זיך נישט מגייס זיין וועט ער האבן א הארבערע עונש ווי דער וואס שטעלט זיך בכלל נישט! ווייל דער וואס האט זיך בכלל נישט געשטעלט הייסט א "משתמט", און דער וואס האט זיך שוין יא געשטעלט הייסט אן "עריק", ווייל ס'איז כאילו ער איז שוין געווען אין די מיליטער און ער איז אנטלאפן, ממילא ווייל ער הייסט א עריק האט ער א הארבערע עונש.

דאס הייסט אז ס'איז פשוט פראקטישער אויב מ'שטעלט זיך בכלל נישט! מ'וועט האבן א שוואכערע עונש ווי די וואס שטעלן זיך יא.

## פסק הבי"ד לגבי "דיחוי"

א דאנק דעם וואס ער האט דעמאלטס געזאגט, האט בי"ד למעשה ארויסגעגעבן א איסור התייצבות אז מען זאל זיך נישט שטעלן "לכל דבר בדיקה ורישום".

אבער מען האט דעמאלטס גערעדט קלאר ביי די ישיבת בי"ד, אז דאס איז געזאגט געווארן לגבי א דיחוי, ווייל די דיון איז אויף דעם געווען, אז ס'איז ענדערש בכלל נישט צו נעמען א דיחוי ווי איידער צו גיין זיך שטעלן פאר א דיחוי און עס נישט באקומען.

ס'איז דא רעקארדירט און דאקומענטירט וואס די ישיבת בי"ד דעמאלטס איז געווען, **און ס'איז געווען קלאר אז די נושא איז לגבי א דיחוי, פארשטייט זיך אז לגבי די אנדערע וועג איז די גאנצע דיון נישט נוגע בכלל**, דאס איז געווען די הוראה פערזענליך וואס דער ירושלימ'ער רב האט געגעבן, דער ירושלימ'ער רב שליט"א און דער ראש בי"ד שליט"א און אלע חברי הבד"ץ לאויוש"ט האבן געגעבן די הוראה פערזענליך פאר אלע עסקנים וואס טוען אין דעם, אז אונזער וועג גייט ווייטער אן און אזוי פירן זיך טאקע אלע בני העדה החרדית ווער ס'ווייסט - אויסער געוויסע יחידים ממש - אבער בעצם די פסק הבד"ץ איז קלאר געווען פאר אלע בני עדה החרדית וואס ס'האט געמיינט און וועמען ס'האט געמיינט.

## נתברר שדברי העורך דין אינו צודק

למעשה שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט אזוי, קודם כל האט זיך די גזירה לכל הפחות אביסל אפגעשטופט אויף דערווייל, עכ"פ אויף יעצט איז געבליבן אז יעדע "בן ישיבה" קען נאך געהעריג באקומען א דיחוי.

ס'האט זיך אבער ארויסגעשטעלט נאך א זאך, וואס די אנדערע עורכי דין האבן געזאגט אז יענער עורך דין איז נישט געווען גערעכט מיט דעם אז אלס דעם עונש איז ענדערש זיך נישט צו האבן געשטעלט בכלל. ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז צו באקומען דעם הארבערן עונש איז נאר אויב מען איז שוין באמת געווען אין די מיליטער, אבער דאס אז מען האט זיך געשטעלט און מען האט נישט באקומען קיין דיחוי, מען איז נאר געווען אינעם לשכת הגיוס, ממילא סיי אלס געזעץ אויס, און סיי ווי אזוי מען זעט עס אין מציאות, באקומט מען נישט קיין הארבערע עונש, ממילא, די נקודה אויף וואס די דיון איז דעמאלטס געווען האט זיך ארויסגעשטעלט אומריכטיג.

אבער למעשה וויבאלד די פסק דין איז געווען לגבי א דיחוי, וואס דאס איז דאך בעיקר נוגע פאר די ליטווישע בני תורה וואס זיי האבן דאס געבעטן און זיי ווילן דאס אנהאלטן, האט בי"ד באשלאסן צו בלייבן מיט דעם נאכדעם וואס זיי האבן געבעטן א חיזוק אויף די זאך וואס ס'איז בעצם געווען זייער הוראה פון בעפאר.

## מהלך הבני תורה "לא להתייצב"

**שואל: אויב למעשה האט זיך נישט ארויסגעשטעלט ריכטיג וואס דער עורך דין האט געזאגט, איז פארוואס טאקע האלטן זיך די ליטווישע קרייזן מיט זייער מיינונג פון "לא להתייצב"?.**

**תשובה:** באמת אויף וואס זיי בויען יעצט זייער "לא להתייצב", האט זיך געטוישט מיט די צייט, דאס טייטש ס'האט געהאט פארשידענע מהלכים, איינע פון די מהלכים איז אז וויבאלד למעשה ס'איז דא אזא זאך אז א בחור וואס שטעלט זיך זאל מען איבערעדן, ממילא זאל מען ענדערש זיך איגנאנצן נישט שטעלן, און פון די אנדערע זייט זאגן זיי אז אפשר דאך וועט דאס באווייזן צו צוברעכן די גזירה, וויבאלד דו האסט א באזע פון - לאמיר זאגן – 600 בחורים פער יאר, יעדעס יאר ווערט עס געדאפלט, און ס'וואקסט אונטער א פרישע דור פון 18 יעריגע, ממילא אלעס צוזאמען וועט אויסקומען א געוויסע גרויסע סכום פון אזעלכע וואס האבן זיך נישט געשטעלט, איז דא א קלער צו זאגן אז די מדינה זאל זיך מוזן ברעכן.

## פסק רבותינו לאויוש"ט

הלכה למעשה זעט עס נישט אויס אזוי, ס'איז דא אזעלכע וואס האלטן, למשל דער רבי זאל זיין געזונט, כידוע, האלט זייער שטארק אזוי, אז אילו זכינו וואלט ווען געווען אז אלע קרייזן, די גאנצע חרד'ישע ציבור צוזאמען נעמען זיך צוזאם, דעמאלטס זענען מיר אזוי שטארק ווי מיר זענען געווען ביי גיוס בנות, - ביי גיוס בנות האבן זיי אויך קודם פרובירט צו ארעסטירן און צו טון אלע מיני זאכן, למעשה איז די יהדות החרדית געשטאנען מורא'דיג פעסט, אלע קרייזן ממש פון אלע זייטן, און מען האט געזאגט "מען גייט נישט", מען שטעלט זיך אפילו נישט, האבן זיי נישט געהאט קיין ברירה און זיי האבן אויפגעגעבן, ווייל מיט'ן גאנצן עולם קענען זיי זיך נישט שלאגן.

אבער אזוי ווי לײדער, רוב יהדות החרדית איז אונטער די אגודה, און כהיום הזה איז דא א ציבור פון 8,000 בחורים פער יאר וואס ווערן 18 יאר וואס שטעלן זיך, ס'מיינט צו זאגן אזוי, מען שטעלט זיך ביז די 26, אדער יעצט פאר א שטיק צייט איז עס 24, איז טייטש מען רעדט דא פון א באזע פון ארום 50,000 מתייצבים וואס שטעלן זיך יעדעס יאר, און אז אונז וועל מיר האבן די גאנצע עדה החרדית מיט די ליטווישע בני תורה פארטיי וואס שטעלן זיך נישט, זאל עס אנקומען צו 5,000, איז דאס נישט גענוג אז די ציונים זאלן נישט האבן קיין שום ברירה און זיך מוזן ברעכן, ס'איז נישט גענוג א גרויסע כח.

## הקושיים במהלך "לא להתייייצב"

אזויפיל קען יא זיין אז זיי האבן מורא צו קומען ארעסטירן א בחור וואס האט זיך נישט געשטעלט, ס'טייטש, א בחור וואס האט זיך נישט געשטעלט באקומט א "צו מעצר", זיי קענען אים ארעסטירן ווען זיי ווילן, זיי קענען קומען צו אים אהיים, זיי קענען אים ארעסטירן ווען זיי טרעפן אים צופעליג.

אבער, אין אלגעמיינע צייטן זוכן זיי זיך נישט יעצט צו ארעסטירן א בחור סתם אזוי, זיי גייען נישט קומען צו יענעם אהיים אים ארעסטירן, הגם פון צייט צו צייט מאכט זיך עס יא, אבער אין אלגעמיין אין רוב צייטן ווילן זיי עס נישט טון, ווייל ס'ווערט א גאנצע איבערקערעניש, א גאנצע מהומה, ס'פעלט זיי נישט אויס, זיי ווייסן אז דאס גייט נישט צו סאך אויסמאכן, איז די עיקר ווען זיי האבן ארעסטירט "לא מתייצבים" איז געווען ווען מען האט געכאפט איינעם מיט סיי וועלכע אנדערע פארלעצונג, האבן די פאליציי אים איבערגעגעבן פאר די מיליטערישע פאליציי, ווייל ווען מען לייגט אריין זיין נאמען אין קאמפיוטער פון די פאליציי קומט ארויף אז ער האט א צו מעצר דורך די מיליטערישע פאליציי, ממילא געט מען זיי איבער.

ס'איז דא פארשידענע זאכן וואס די מרכז עזרה ויעוץ האבן אויפגעטון צו פארמיידן ארעסטן אין געוויסע געגנטער, ואכמ"ל. אבער עכ"פ דאס איז נאר אין געוויסע תחומים, אבער נישט ווען דער בחור קומט אן ערגעץ אנדערש, ער ווערט ערגעץ אפגעשטעלט דורך די פאליציי, א בחור אדער א יונגערמאן. אויסער דעם מאכט זיך תקופות ווען די מיליטערישע פאליציי אליינס באשליסן יא דורכצופירן ארעסטן.

און מען דארף פארשטיין נאך א זאך אז די צו מעצר גייט נישט אראפ קיינמאל, דאס טייטש אפילו ער איז יעצט א בחור און ער דרייווט נישט, און ס'קומט אים נישט אויס ווען זיך אנצוהאקן אין די פאליציי, אבער ס'בלייבט למעשה אויף אים א צו מעצר אויף אייביג! ערשטנסקען ער נישט ארויספארן פון לאנד קיינמאל, און נאכדעם קען ער ווערן ארעסטירט סיי וועלכע טאג, און נאכדעם אויב זאל מיט דעם בחור אדער יונגערמאן פאסירן סיי וואס שפעטער וועט ער אייביג ציטערן צו רופן פאליציי, ער וועט זיין הפקר ח"ו, ווייל איינמאל ער רופט פאליציי ווערט ער ארעסטירט ווייל ער האט אויף זיך א צו מעצר.

און ס'איז א פשוט'ע זאך וואס יעדער פארשטייט אז ס'איז נישט קיין וועג וואס מען קען לעבן דערמיט נארמאלערהייט. דאס איז די סיבה פארוואס אונזערע רבנים האבן נישט געוואלט גיין מיט אזא מהלך, עכ"פ ביז דערווייל ווי לאנג מען קען נאך באקומען א דיחוי, אדער זיך ארויסדרייען אויף די אנדערע וועג, האבן זיי נישט געוואלט גיין מיט דעם.

נאר וואס דען, די ליטווישע עסקנים האבן גע'טענה'ט אז זייער עולם איז אביסל אנדערש, איינע פון די עסקנים איז געווען דא ביים רבי'ן שליט"א פאר א יאר, און ער האט גע'טענה'ט אז זייער עולם קומען נישט ארויס קיין אמעריקע קיין סאך, ממילא האבן זיי נישט אזא פראבלעם אז מען ווערט איינגעשפארט אין לאנד. אזוי האט ער געהאט נאך פארשידענע חשבונות ווי אזוי זייער לעבן גייט אנדערש, זיי האבן חתונה שפעטער, און פאר זיי איז עס נישט אזא פראבלעם, עכ"פ אויף יעצט.

אבער פארשטייט זיך אז זייער הוראה איז נוגע פאר זיי, און ס'איז אונז נישט צופיל נוגע וואס זיי האלטן פאר זיך, און פארקערט מען דארף עס ארויפקוקן ווייל ס'איז למעשה א מסירת נפש, נאר ווען מען רעדט פאר אונז, האבן אונזערע רבנים, א מנהיג, איינער וואס האט א אחריות פון א קהילה, אדער חברי בי"ד וואס טראגן אחריות פאר די ירושלים'ער אידן, האבן נישט געקענט נעמען אויף זיך צו זאגן אז אונזערע אלע בחורים זאלן זיין אויסגעשטעלט אויף א גאנץ לעבן צו ווערן ארעסטירט און צו זיצן אין תפיסה רח"ל.

ס'איז נישט דא די פלאץ צו זאגן וואס ס'מיינט זיצן אין מיליטערישע תפיסה, אין א מיליטערישע תפיסה זיצן די פארברעכער פון די מיליטער, און וויאזוי ס'זעט דארט אויס איז זייער זייער נישט גוט. ר' צבי מאיר זילבערבערג שליט"א וואס ער איז אזוי סאך מעורר איבער די גזירה, האט אויך אמאל ארויסגעברענגט דאס אז די תפיסה איז א מקום מזוהם מאוד מאוד, און ס'איז נישט קיין פשוט'ע זאך.

**אוודאי ווען מען האט נישט קיין ברירה איז ענדערש צו גיין אין תפיסה ווי צו גיין אין מיליטער, אבער גיין לכתחילה זאגן פאר די בחורים אז ווען מען קען נאך אויף א געוויסן אופן, אזוי ווי מיר האמיר עס פריער גערופן 'ארויסטאנצן פון פייער' און זיך ארויסדרייען, זאל מען זאגן פאר די בחור זאל ענדערש זיין אויסגעשטעלט צו זיצן אין תפיסה און ער בלייבט מיט דעם אין סכנה כל ימי חייו, די זאך איז נישט געווען ווער ס'זאל נעמען אויף זיך די אחריות.**

למעשה במשך די צייט האט זיך יא געמאכט פארשידענע סארט עסקנים און אזעלכע וואס האבן יא פארארבעט מעשים אז די מהלך וואס די ליטווישע האבן, זאל אויך ווערן אנגענומען ביי די "עדה" מענטשן, און ס'האט אנגעהויבן צו קומען אביסל א שטארקע פרעשור פון אזעלכע עסקנים וואס טראגן נישט קיין אחריות, אזעלכע וואס האבן פשוט ליב ווען ס'טוט זיך לעבעדיג, אדער אזעלכע וואס זייער עיקר ציהל איז מחזק צו זיין איין ליטווישע פארטיי קעגן די צווייטע אפילו ווען ס'איז נישט לטובת המערכה, זיי האבן נישט געטראגן די אחריות וואס דאס קען ברענגען. און ממילא האט אויסגעפעלט וואס דער עולם ווייסט שוין וואס מען האט אביסל גערעדט דערפון קלאר צו מאכן, אז אונז, ווען איך זאג אונז קען איך מיינען סאטמאר,

אבער בכלל די עדה החרדית אויך, האט נישט אנגענומען דעם וועג אז מען זאל אפילו דאס נישט טון, אלע מנהיגים אינערהאלב די עדה החרדית האלטן אנדערש.

אבער נאכאמאל, מען דארף עס קלאר ארויסזאגן, עס איז נאר ווייל ס'איז נוגע פאר אונז, נישט ווייל ס'איז נוגע וואס די אנדערע טוען, און מיר זענען מחשיב וואס די ליטווישע טוען פאר זיך, אבער ווען מען וויל דאס ארויפצווינגען אויף אונז, איז נישטא ביי אונז ווער ס'זאל גרייט זיין צו נעמען אויף זיך אזא זאך צו טראגן אחריות פאר זיין קהילה, און ממילא אונזער עולם פרובירט וויפיל מען קען אנצוגיין אזוי ווי ביז היינט, ווי לאנג מען קען זיך ארויסדרייען פון מיליטער און ווערן פטור פון די גאנצע זאך.

ס'איז אינטערסאנט צוצולייגן, אז ס'איז דא א ספר פון הגאון הגדול ר' אליקים שלזינגער שליט"א משיירי כנסת הגדולה, אין זיין ספר "הדור והתקופה" ווי ער באשרייבט פון יענע יארן, ברענגט ער דארט פון זיין רבי מרן ר' יוסף צבי דושינסקי זצ"ל, און ער דערציילט אז ווען ס'האט זיך אנגעהויבן די הסדר פון א דיחוי, איז געווען אן אסיפה פון די ועד הישיבות, און הגאון ר' אליקים איז דארט געווען, און איינער האט דארט געהאט א מיינונג אז מען זאל זיך נישט צושטעלן דערצו, ווייל וואס דארפן מיר זיך צושטעלן צו א הסדר, זאל מען זאגן אז מען גייט בכלל נישט און פארטיג, אזוי ווי מען האט טאקע געטון ביי גיוס בנות, און הגם אויף דעם וואלט מען זיכער נישט געהאט קיין פאראייניגטע פראנט, אבער מען האט דאך געטראכט אז פאר אונזערע בחורים זאל מען פסק'ענען אז מען זאל בכלל נישט גיין. האט איינער דארט נאכגעזאגט פון הרב דושינסקי אז מען זאל זיך יא צושטעלן.

**דערציילט הגאון ר' אליקים אז ער האט עס נישט געגלייבט, איז ער אליין אריבער צו הרב דושינסקי ווייל ער האט געטראכט אז אפשר ס'גייט איש מפי איש, ער וויל עס הערן פון אים אליין. איז ער אריבער צו הרב דושינסקי, הרב דושינסקי האט אים געזאגט אז יא איך האב טאקע אזוי געזאגט, ווייל איך האב נישט קיין אמונה אין די ציונים אז איך זאל קענען לאזן הפקר מיינע בחורים! איך וועל איינמאל זען א בחור איז נישט אין ישיבה, וואס וועל איך טראכטן וואו איז ער אנגעקומען? וואס האבן די ציונים געטון מיט אים? ממילא אויב איז דא א וועג זיך מסדר צו זיין מיט זייער געזעץ, אז מיט'ן געזעץ אינאיינעם זאל מען זיך נאך קענען ארויסדרייען, דארף מען דאס טון! אזוי ברענגט ער דארט.**

## "מתייצבים" ווערן ענדערשט ארעסטירט?

**שואל: איר רעדט בנוגע אז מען ווערט ארעסטירט די וואס זענען לא מתייצבים בכלל. ס'איז דא מאנכע וואס זאגן אז ס'איז גאר פארקערט אז היבש פון די וואס ווערן ארעסטירט זענען פון די וואס האבן זיך יא געשטעלט, צי אויף א דיחוי, צי אויף אן אנדערן אופן און למעשה איז עס דורכגעפאלן, האט מען זיי איינגעזעצט. דאס איז אמת?**

**שואל:** ס'איז קלאר אמת אז ס'מאכט זיך, איך האב שוין פריער אויסגעשמועסט אז ס'איז דא אזעלכע וואס זיי פרובירן זייער שטארק צו אינפארסירן מען זאל נאכקומען אלע פארלאנגען צו קענען באקומען א דיחוי, און איינער וואס קומט עס נישט נאך, און ער זאגט ער וויל נישט גיין אין מיליטער, ובפרט אויב ער האט זיך נישט געגרייט דערצו בעפאר, ווערט ער דארט ארעסטירט. פאר דעם איז דא די "מרכז עזרה ויעוץ" זיך אפצוגעבן מיט אזעלכע פעלער צו באפרייען די אסירי ציון.

אבער ווען מען רעדט לגבי דעם, צי א דאנק דעם זאל מען זאגן "לא נתייצב", ווייל מען האט מער שאנס צו ווערן ארעסטירט ווען מען שטעלט זיך יא, דאס איז נישט ריכטיג.

א פשוטע חשבון. ס'איז דא לאמיר זאגן 50,000 וואס שטעלן זיך א יאר איבערפרישן דעם דיחוי, - ווייל א דיחוי דארף מען איבערפרישן יעדע מאל, אונטער א יאר פון ווען מען האט געמאכט דעם דיחוי, ס'לויפט אויס פריער ווי א יאר, אונטער א יאר דארף מען זיך שטעלן נאכאמאל איבערפרישן די דיחוי, איז דא צווישן די צענדליגער טויזנטער אזעלכע וואס האבן פראבלעמען.

**שואל: דאס הייסט מען דארף יעדעס יאר פריש אויפווייזן אז מען איז א בן ישיבה?**

**תשובה: יא, יא.**

**שואל: א פטור איז די זעלבע זאך?**

**תשובה:** ניין, דאס איז איינע פון די שטארקע חילוקים אז איינער וואס איז נישט פעאיג צו דינען אין מיליטער ווערט פטור איינמאל פאר אלעמאל.

**שואל: איז דאס פשטות די בעסטע אופן.**

**תשובה:** יא, אבער דאס איז נישט קיין זאך וואס ס'איז שייך פאר'ן גאנצן כלל פארשטייט זיך.

עכ"פ, די אלע בחורים די "לא מתייצבים" וועלכע זענען אונטער א געהעריגע מסגרת הישיבה, זיי וואלטן נישט געהאט קיין שום פראבלעם ווען זיי שטעלן זיך, אזעלכע וואלטן נישט געווארן ארעסטירט, אויב זיי שטעלן זיך אין צייט. די וואס ווערן ארעסטירט דארט זענען אזעלכע וואס האבן פראבלעמען מיט די ישיבה, אדער אז ער האט נישט געוואוסט זיין צייט זיך צו שטעלן וכדו'.

ממילא קומט אויס צוויי זאכן, ערשטנס, פראצענטועל ווערט מען נישט מער ארעסטירט ווען מען שטעלט זיך יא, דאס פארשטייט יעדער אז ס'איז נישט ריכטיג אזוי צו זאגן, ווייל די וואס שטעלן זיך יא רעדט מען פון צענדליגער טויזנטער וואס באנייען יערליך זייער דיחוי, און פארשטייט זיך אז רוב רובם ווערן נישט ארעסטירט, נאר פשוט ווייל ס'איז אזוי סאך, קענען זיי טרעפן גענוג פון צווישן די אויף וועם זיי זאלן זיך קענען ארויפכאפן און פרובירן צו מאכן צרות, און דאס איז א גרויסע בראך וואס דארף באהאנדלט ווערן, אבער ווען מען זאל קוקן פראצענטועל איינס קעגן צווייטן, איז זיכער נישטא מער שאנסן צו ווערן ארעסטירט ביי די וואס שטעלן זיך יא, כהיום הזה וואס צענדליגער טויזנטער דרייען זיך ארויס אויף דעם וועג. נאר ווייל די לא מתייצבים זענען א סאך ווייניגער מענטשן, ארום 5 פראצענט, ממילא קענען געוויסע מענטשן זאגן אזא פאלשע חשבון.

אבער די עיקר איז די צווייטע זאך, אז די וואס ווערן ארעסטירט און די וואס זענען לא מתייצבים, זענען צוויי אנדערע סארטן, דאס טייטש נישט די לא מתייצבים וואלטן געווארן ארעסטירט ווען זיי שטעלן זיך ווען, און די וואס ווערן יא ארעסטירט ווען זיי שטעלן זיך, ווערן נישט באהיטן מיט דעם וואס ס'איז דא לא מתייצבים.

פשט איז אזוי, מיר האבן דאך גערעדט אז איינער וואס איז באמת מסודר מיט א ישיבה און ער האט אלע אונטערשריפטן, אזא איינער ווערט נישט ארעסטירט אין לשכת הגיוס. נאר וואס דען, פון צווישן די צענדליגער טויזנטער טרעפן זיי גענוג אויף וועם זיך ארויפצוכאפן און מאכן צרות. אבער די לא מתייצבים וואס מען רעדט דא, די ליטווישע, צי אפילו א חסידישער, וואס לערנט באמת אין א געהעריגע ישיבה, און ער קען באקומען א צעטל פון זיין ישיבה און ער ארבייט נישט אין אנדערע צייטן, ממילא איז נישטא אויף וואס זיך ארויפצוכאפן אויף אים, און אז ער קומט באצייטנס קען מען אים נישט זאגן אז ער האט א שטארקע שאנס צו ווערן ארעסטירט. די מציאות איז נישט אזוי. אויב איז ער מסודר מיט אלעם וועט ער בעזר ה' דורכגיין. משא"כ ווען ער שטעלט זיך נישט, פארשטייט זיך גייט ער אריין אין א פראבלעם וואס ער בלייבט אין דעם פראבלעם כל ימי חייו און ער איז אייביג אויסגעשטעלט אין א סכנה צו ווערן ארעסטירט.

אבער פארשטייט זיך נאכאמאל אונז רעד מיר נישט דא פון די וואס זייערע גדולים האבן געגעבן אזא הוראה, וואס פון זייער זייט איז עס א געוואלדיגע חשיבות און מסירת נפש, אונז רעדט מיר דא לגבי די וואס ווילן זאגן פאר די וואס שטעלן זיך יא אז מען טוט אן עוולה, מיט אזא חשבון אז מען וועט זיך יא שטעלן וועט מען סייווי

ווערן ארעסטירט, איז די חשבון האבן מיר געוואלט ארויסברענגען אז ס'איז נישט ריכטיג אזוי צו זאגן.

## "בני תורה" פארטיי, מה הוא?

**שואל: אז מען רעדט פון די ליטווישע קרייזן ווי מיר האבן פריער ארומגערעדט, וואס איז בכלל זייער מהלך אין די גאנצע מערכה פון גיוס בכלליות?, און מען מעג זאגן בכלל אין די שיטה פון ציונות, וואס איז זייער שיטה?**

**תשובה:** ס'איז נישט קיין גראדע תשובה אויף דעם, מ'קען זאגן ס'איז פארשידנארטיג. בעצם הגאון הרב אויערבאך איז מער היינט פון די לוחמים אין יענע קרייז, ווי באקאנט ווער ס'האט מיטגעהאלטן אין די פריערדיגע יארן, ער איז געווען אלע יארן יד ימינו פון הרב שך ז"ל, און זיין קהילה, צי פארטיי ווי אזוי מען זאל עס רופן, שטעלט זיך אהער אלס די ריכטיגע ממשיכים פון הרב שך, דאס טייטש זיי האלטן אז הרב שך וואלט נישט מסכים געווען צו קיין איינע פון די יעצטיגע פשרות וואס מען האט געמאכט, און ממילא זיי האלטן זיך אלס די 'ריכטיגע ממשיכים'.

אין די זעלבע צייט איז אויך דא זייער א סאך עסקנים וואס האבן זיך צוגעשטעלט צו הרב אויערבאך, ליטווישע עסקנים וואס זענען לאו דוקא אזעלכע וואס האבן ביז היינט געהערט צו דגל התורה, זיי האבן לאו דוקא געהערט צו הרב אלישיב אדער פריער צו הרב שך, זיי זענען מער אזעלכע - מען רופט עס אין ארץ ישראל "חזון איש'ניקים", ס'איז דא פרושים, ס'איז דא פארשידענע סארט ירושלים'ע ליטווישע וואס צווישן זיי איז דא זייער א סאך ווארעמע עסקנים לכל דבר שבקדושה, און יעצט אז ס'איז דא אזא מהלך פון הרב אויערבאך, זענען זיי זייער שטארק צוגעשטעלט צו אים. געוויסע פון די דאזיגע עסקנים זענען זייער נאנט צו אונזערע קרייזן, זיי זענען באמת לוחמים, זיי זענען מער אביסל ווי די בריסקער.

מצד אחר, דער כלל הציבור פון די פארטיי, און אוודאי הגאון ר' שמואל פערזענליך, איז מער א ממשיך פון הרב שך, אזוי ווי ער זאגט עס. און די זעלבע איז מיט זייערע צייטונג די 'הפלס', און די זעלבע זענען די ראשי ה'פארטיי. די גאנצע מהלך פון די פארטיי, פון די קהילה, ווי אזוי מען זאל עס רופן, די זענען דירעקט נישט פון אונזער קרייז, **דאס טייטש, ביי זיי איז די כנסת המינים נישט קיין טריפה'נע זאך אין פרידנס צייטן, און ביי זיי איז נעמען געלט אויך נישט קיין פראבלעם, קיינער פון זיי האלט נישט אז הרב שך האט געמאכט א טעות, זיי זאגן נאר אז אין אזא מצב וואס ס'איז נישטא קיינער וואס פארטרעט אונז אין די כנסת, ס'איז נישטא קיינער וואס פארטרעט אונזער אידיאלאגיע, אונזער רעכטע שיטה, אזא פאל גייט מען נישט צו די בחירות, און אין אזא פאל וואס ס'איז דא גזירות אויף די לימודים, אין אזא פאל דארף מען מחזק זיין צו עפענען מוסדות על טהרת הקודש.**

אבער אזוי ווי איך האב געזאגט, זיי האלטן נישט אז ס'איז ביז היינט געווען א טעות, און מיר ווייסן אויך נישט וואס ס'גייט זיין בעתיד. און למעשה זיי האבן א סגן ראש העיר וואס איז אין די קאאליציע פון די עירי' אין ירושלים, און די עירי' האט באשטעטיגט א בודזשעט וואס נעמט אריין אויך א בודזשעט פאר גיוס פאר די שטאט, און זייער נציג האט געשטימט פאר די געזעץ ווייל דארטן איז ער יא אין די קאאליציע, הפנים, ס'איז נישט קיין סאטמאר/קנאישער קרייז.

און יעצט אליין האבן זיי אויך מוסדות, זיי האבן געעפנט לעצטנס א סעמינאר אין בני ברק וואס נעמט יא געלט ווייל אין זייער קרייז איז דאס נישט קיין פראבלעם, איך מיין אונז ווייס מיר דאך אז די ווייטערע קרייזן פון אונז האבן נישט אנגענומען אונזער שיטה ליידער, און די מענטשן געהערן נישט צו די עדה החרדית. זיי האבן אבער יא ווארעמע עסקנים וואס זענען יא א סאך נענטער צו די עדה החרדית, הגם דאס איז נישט די כלל הציבור ווי מען זאגט, אבער אזעלכע עסקנים איז זיכער דא, און אזעלכע האבן טאקע געעפנט מוסדות על טהרת הקודש.

און אויפ'ן יעצטיגן מצב האט הרב אויערבאך אליינס מחזק געווען די מוסדות וואס האבן זיך געעפנט על טהרת הקודש, און ער האט ארויסגעברענגט דאס אז ס'איז דא גזירת תכנית הליבה, ממילא ווי מער מען קען זיין אפגעטיילט פון די רעגירונג, האבן אזעלכע מוסדות וואס נעמען נישט קיין געלט, האט ער עס משבח געווען. און אונז האף מיר אלע אז די נייע מוסדות וואס האבן זיך געעפנט און נעמען נישט קיין געלט זאלן אזוי אנהאלטן, און הלוואי זאלן אלע אנדערע אויך נישט נעמען קיין געלט.

אבער אונז ווייס מיר דאך אז דאס איז א שטארקע נסיון. אפילו ביי אונז, וואס א מנהל גייט אדורך איז נישט צו באגרייפן, אונז וואוין מיר דא אין אמעריקע, איך רעד אמאל מיט מנהלים, אבער דער אלגעמיינער ציבור דא באגרייפט בכלל נישט וואס ס'מיינט זיין א מנהל פון א מוסד עטה"ק, מען קען זאגן אז מען באגרייפט עס נישט ווייל מען קען עס נישט באגרייפן.

א איד וואס זיצט דא על סיר הבשר, מען זיצט במנוחה, מען קען נישט פארשטיין אזא זאך א מענטש נעמט אויף זיך הונדערטער טויזנטער דאלאר יעדן חודש און ער דארף ארומלויפן אין די גאנצע וועלט, און זיין שטוב אינדערהיים איז ליידיג, און ער האט נישט אליין פאר זיך, ס'איז נישט א זאך וואס אונז קען מיר באגרייפן. און כל שכן ביי זיי וואס די עצם געלט נעמען איז נישט גע'אסר'ט געווארן, ממילא איז אזוי ווי איך האב געזאגט, איז דא מוסדות דארט וואס עפענען זיך וואס נעמען יא ווייטער געלט, אבער די וואס נעמען נישט קיין געלט דארפן מיר מחזק זיין די מערסטע וואס מען קען.

**דער רבי שליט"א האט שוין גערעדט אפשר מער ווי איינמאל, איך געדענק פאר א יאר כ"ו אב האט דער רבי זייער שטארק ארויסגעברענגט דאס אז מיר דארפן שטיצן זייערע נייע מוסדות וואס עפענען זיך על טהרת הקודש, דאס איז נישט קיין שום שאלה.**

נאר לגבי די עצם פארטיי, איז אזוי ווי איך האב געזאגט, די כנסת איז ביי זיי ליידער נישט קיין דבר איסור, און ס'איז נישט קיין שאלה אז אונז, פאר אונז דארפן מיר ווייסן אז אונז זעמיר נישט זיי און זיי זענען נישט אונז, די יסודות'דיגע השקפות זענען זייער ווייט איינס פון צווייטן, און וואס ס'זעט זיך נישט אויף איין פלאץ זעט זיך אויף אן אנדערע פלאץ.

## שיתוף פעולה עם "בני תורה פארטיי" נגד גזירת הגיוס

נאר וואס דען, דא אין די מערכה פון גיוס, האט זיך אויסגעשטעלט אזוי ווי ס'האט זיך אויסגעשטעלט, אפילו לאמיר זאגן אז ס'איז געווארן א פראבלעם פון דעם אז ס'איז געווארן א פערזענליכע מערכה צווישן צוויי צדדים ביי די ליטווישע, - מיר האבן פריער ארויסגעברענגט אביסל א זייטיגע ווירקונג וואס דאס האט געהאט, אז ס'איז זייער שווער היינט ביי די פרעמדע, אפילו איינער וואס וויל יא רעדן איז מען אים זייער משתיק ווייל ס'ווערט א פארטייאישע זאך, ווייל ס'ווערט א דורכפאל פאר די אנדערע פארטיי, - אבער למעשה זענען זיי היינט די וואס טוען זייער א סאך אויף די גזירה פון גיוס.

**מיר ווייסן אז אפילו די פריערדיגע יארן, אז די פריערדיגע גדולים פון זיי, ווען מען האט געוואלט ארבייטן קעגן א גזירה האט מען געארבייט צוזאמען, עכ"פ לגבי די גזירה, מען האט זיך טאקע נישט משדך געווען, מען האט נישט געשריבן אין אונזערע צייטונגען פון זיי, און מען האט נישט גע'כשר'ט זייער גאנצע מהלך, און אוודאי האבן זיי אונז נישט געפירט, נאר אונז האמיר געפירט די מערכה אויף אונזער וועג און מיר האבן אבער גענומען שותפים, מען האט זיך צוזאמגעשטעלט אויף די פונקטן אויף וואס מען האט געוואלט לוחם זיין צוזאמען, און דאס טוט אויך היינט די עדה החרדית.**

און למעשה היינט צוטאג אויב האבן די עסקנים פון די עדה געזוכט מיט וועמען צו מיטארבייטן איז עס נאר מיט זיי, ווייל ליידער די אנדערע זענען אינגאנצן פארשטאפט אויף די מינות. הגם אונזער מערכה טאר נישט ליגן אין די פאליטישע פארמעסט, אבער לגבי ווען מען וויל גיין אויף א מערכה אויפ'ן ענין פון גיוס, און מען דארף האבן שותפים צו האבן א ריבוי עם ביי א הפגנה וכדומה, זענען זיי זייער שטארק, און זיי האבן אויך עסקנים וואס זענען אזעלכע סארט בריסקער, וואס ארבייטן נאך נענטער צוזאמען מיט אונז.

און אויסערדעם איז דא פארשידענע זאכן, למשל ס'איז ארויסגעקומען אן אויסגאבע "הציידים", מיר האמיר פריער גערעדט אז ס'איז דא פיתויים, די ליטווישע האבן ארויסגעגעבן א אויסגאבע וואס הייסט הציידים, וואס דאס האט אויפגעדעקט די נעמען מיט די אינפארמאציע פון יעדן איינעם וואס איז איינגעשטעלט ביי די רעגירונג אויף די זאך. און דאס האט מורא'דיג ארויסגענומען די רעגירונג פון די כלים. טייטש א בחור וואס קען געצילט ווערן, אויב האט ער פאראויס געזען ערגעץ אז דער און דער מענטש איז דא כדי מיך מפתה צו זיין, מאכט עס זייער א סאך אויס, די השפעה איז שוין אראפגעגאנגען מיט 50 פראצענט.

יענע עסקנים האבן צוזאמגעשטעלט אזא מין זאך און מען קען דאס נישט אוועקמאכן, דאס איז גאר א שטארקע זאך, ממילא פון די חלקים פון די מערכה וואס מען קען בענעפיטירן איז קלאר אז ס'איז נישט קיין שום שאלה וועגן זיך צוזאמשטעלן, נישט קיין חילוק וואס יענעמ'ס שיטות זענען, און נישט קיין חילוק וואס יענעמ'ס מיינונג לגבי כנסת איז יעצט, אדער וואס ס'גייט זיין אין פינף יאר ארום אדער צען יאר ארום ווייל ס'האט נישט קיין שייכות.

## מעשים דורך אומ'אחריות'דיגע עסקנים

מען טאר זיך נאר נישט פאפן, מען דארף וויסן ווי איין און ווי אויס, ס'איז ליידער דא אזעלכע וואס ווייסן נישט ווי איין און ווי אויס. איך וועל זאגן א משל וואס מען זעט יעצט אין די טעג אז מען האט געהאנגען צעטלעך דא אין וויליאמסבורג, יעדער ווייסט אז מען ארבייט אז די יהדות הגולה זאל קומען אלע קהילות אינאיינעם - אזוי ווי ס'איז שוין געווען עטליכע יאר צוריק א' חקת תשע"ג, די באקאנטע דאטום וואס ליגט יעדן אין די זכרון ווען ס'איז געווען זייער א שטארקע פאראייניגטע מעמד מחאה, - מען ארבייט נאכאמאל זייער שטארק אויף אלע פראנטן צו קענען צוזאמברענגען אזא זאך ווי דעמאלטס. און דאס דארף פארשטייט זיך פאראייניגן אלע מיני קהילות, סיי אלע פון אונז און סיי אלע פון די ליטווישע, עכ"פ וויפיל ס'איז שייך, מען האפט אזוי.

אבער צעטלעך פארשטייט זיך קען דאך יעדער איינער מאכן, איז געווען אזעלכע וואס האבן יעצט געמאכט התאחדות-צעטלעך אז אונז גיי מיר ארויסגיין אויף א פראטעסט, **"על פי קריאת פונעם בי"ד און על פי קריאת הגאון ר' שמואל אויערבאך שליט"א"**, איז אזוי ווי אונז האמיר פריער געזאגט, מען דארף אביסל וויסן ווי איין און ווי אויס, **זיי זענען נישט די וואס רופן אונז אז אונז זאל מיר גיין**, ווען מען רעדט צו אונז האט מען אין פריערדיגע יארן נישט גערעדט פון זייערע גדולים, און מ'מיינט ינשט אוועקצומאכן, ס'איז נאר אז מען דארף וויסן ווי איין און ווי אויס, און פאר דעם זענען דא גדולי ישראל.

בכלל אין ארץ ישראל איז אויך דא, ווי יעדער ווייסט, ס'איז דא אזעלכע אומ'אחריות'דיגע עסקנים וואס ווערן נישט געפירט פון קיין גדולי ישראל, און זיי טוען אויך מטשטש זיין די גבולים, אמאל אויף רעכטס און אמאל אויף לינקס, אבער מיר רעדן יעצט פון אונז ערליכע אידן שלומי אמוני ישראל און פון די עדה החרדית, דארף מען וויסן אזוי ווי מיר האבן געזאגט, מען טאר זיך נישט פאפן, מען לעבט אין א געוויסע מצב, מען לעבט אין א געוויסע מערכה, און מען פארלירט זיך אויפ'ן ברייטן בליק, און פארשטייט זיך אז גדולי ישראל האבן א אחריות צו פארשטיין וואס ס'איז געווען נעכטן און וואס ס'גייט זיין מארגן, און ווער אונז זענען און ווער אנדערע זענען, און נישט מאכן קיין טשטוש הגבולים.

## השתלשלות "גזירת הגיוס"

**שואל: האמיר פארשטאנען אלעס וואס מען רעדט בנוגע די מצב כהיום. אפשר קענט איר בכלל - פאר די וואס ווילן בעסער פארשטיין - אראפגעבן די עצם געזעץ וואס איז די חוק הגיוס, די השתלשלות הדברים, פון פארדעם, פון יעצט, און פון שפעטער.**

**תשובה:** צו פארשטיין וואס גייט זיין שפעטער, דארף מען פארשטיין ווי אזוי די געזעץ איז געבויט געווארן.

אנגעהויבן האט זיך עס מיט יאיר לפיד שר"י, וואס ער איז אריין אין די ממשלה, ער האט געווינען דעמאלטס זייער א סאך בענקלעך, מיט דעם סלאגאן פון "שוויון בנטל" און ער האט געזאגט אז ער גייט ברענגען א סוף צו די "אי שוויון בנטל", ער גייט זען אז אלע חרדים זאלן זיין אין מיליטער.

האט ער אויסגעשטעלט א מהלך אז ביז צוויי יאר זאלן אלע חרדים דארפן גיין אין מיליטער אויסער 1,800 עילויים. שפעטער איז געווען נאכאמאל בחירות, און ביבי נתני' שר"י וויל געוועגליך האבן די חרדים אין זיין קאאליציע, ס'איז נישט קיין סוד אז די חרדים זענען די בעסטע שותפים אין א קאאליציע ווייל זיי צוברעכן עס קיינמאל נישט, מען קען טון וואס מען וויל און זיי קענען נאר סטראשן אז זיי גייען ארויסגיין, אבער ס'האט נאך קיינמאל נישט פאסירט אז זיי זאלן באמת ארויסגיין, ממילא האלט זיך נתני' פאר א גוטע פריינט פון די חרד'ישע חברי הכנסת, ממילא האט ער געוואלט זיי האבן אינעווייניג, האט ער אנגעהויבן מיט זיי פארהאנדלען וואס מען דארף טוישן אינעם חק כדי זיי צו קענען האבן אין די קאאליציע.

## די שרעקליכע פארראט - "חק המסוכן"

לדאבונינו הרבים, ווען זיי זאלן ווען אראפשטעלן א פיס, זיי זאלן נישט זיין אזוי אנגעוואנדן אין די בענקל, און גיין אויף אונזער וועג לוחם זיין צוזאמען וואלט מען געקענט מבטל זיין די גאנצע גזירה, ממש נישט קיין שום ספק, און די עבר האט שוין אזוי באוויזן.

אבער ליידער זענען זיי אנגעוויזן אויף זייער בענקל, זיי האבן עס זייער שטארק ליב כידוע, סיי פאר די געלט, סיי פאר די כבוד, און סיי פאר די שררה, ס'האט אין זיך זייער א סאך, סיי לגבי זיי צווישן זיך ווי אזוי איינער ווערט גרעסער פונעם צווייטן, וועל מיר נישט אריינגיין אין דעם, אבער עכ"פ זיי זענען גרייט פאר אלע געלטער צו זיין אינעווייניג אינעם קאאליציע.

ממילא האט מען זיך פשוט געזעצט פארהאנדלען, זען ווי אזוי מען קען אויסארבייטן עפעס א צווישן וועג, און וואס מען קען יא דורכקומען אז ס'זאל אויך שטימען מיט'ן בג"ץ, און אויך ס'זאל קענען דורכגיין אין די פרייע גאס, ס'זאל נישט ווערן צו קיין גרויסע מהומה, און פון די אנדערע זייט זאלן די חרד'ישע נציגים זיין צופרידן.

האט מען דעמאלטס געשריבן א תקנה צום חק, זיי האבן עס א נאמען געגעבן "חק המתוקן". בעצם צו פארשטיין וואס די תקנות זענען געווען דעמאלטס איז געווען זייער שווער, איין זאך וואס יעדער איינער האט פארשטאנען איז אז די חלק אז נאר 1,800 עילויים קענען באקומען א דיחוי, די חלק האט מען אפגעשטופט מיט בערך זיבן יאר, דאס האט דעמאלטס יעדער פארשטאנען.

די שאלה איז געבליבן וואס גייט זיין זיבן יאר ארום און וואס גייט אלס געשען ביז דעמאלטס, ס'איז געווען אביסל פארנעפלט.

א שטיק צייט שפעטער איז געקומען יאיר לפיד, אינאיינעם מיט די פרייע גרופע "פורום לשוויון בנטל", זיי האבן אריינגעגעבן צוזאמען מיט יאיר לפיד א קלאגע קעגן די יעצטיגע חק. - בעצם די חק איז געשריבן געווארן אביסל אויף א געקינצלטע וועג, און לפיד איז געגאנגען אויסגעטייטשט דעם גאנצן געזעץ לקולא כדי צו אויפווייזן פאר'ן בג"ץ אז די געזעץ גייט נישט ברענגען קיין ריכטיגע שוויון בנטל, און ממילא זאל די בג"ץ פסל'ן דעם געזעץ.

דעמאלטס ווען לפיד האט אריינגעגעבן זיין קלאגע, איז די אגודה מענטשן מיט די דגל מענטשן - די מענטשן פון רב שטיינמאן - האבן זיך מורא'דיג געפרייט, און זיי האבן מורא'דיג געפאכעט מיט דעם קלאגע פון לפיד, ווייל זיי האבן אנגעוויזן אז אין לפיד'ס קלאגע זעט מען זייער קלאר וואס'ערע דערגרייכונג זיי האבן געמאכט מיט זייער נייער חק המתוקן, אז זיי האבן מסדר געווען אלעס אז אלעס זאל בלייבן אזוי ווי ביז איצט.

באמת ווי די לאך איז געווען, אויף וואס לפיד האט זיך ארויפגעכאפט, און וואס ס'איז טאקע געווען די פלאן פון די אגודה אז מיט דעם גייט מען עס מסדר זיין, איז געווען, אז אינעם חק שטייט **אז ס'בלייבט אין די הענט פונעם שר הבטחון צו באשליסן די יעדי הגיוס.** טייטש, אז די שר הבטחון האט די בויגזאמקייט אז ער קען באשליסן ווי אזוי ער וויל, צו מאכן העכער און נידריגער, ממילא גייט קענען אויסקומען אז ער וועט קענען נאכקומען אז מען זאל יא האבן נאכגעקומען די יעדי הגיוס, ממילא וועט אויסקומען אז אפילו נאך תשפ"ג וועט מען אויך קענען אנהאלטן די ביז יעצטיגע געזעץ, אזוי עכ"פ האבן זיי עס אויסגעטייטשט.

למעשה האט די מדינה געדארפט געבן זייער ענטפער פאר'ן בג"ץ פארוואס די געזעץ איז יא א גוטע געזעץ, איז געקומען דער יועץ המשפטי לממשלה, דאהי רופט מען עס 'אטוירני דזשענעראל', דער אטוירני דזשענעראל פון די מדינה האט אריינגעגעבן א לאנגע ענטפער, ס'איז 60 זייטן לאנג, איך האב עס דורכגעליינט, און ס'איז אפען פאר יעדן איינעם צו זען, מען דארף נאר אביסל פארשטיין די שפראך, אביסל די געזעצליכע שפראך ווי אזוי זיי שרייבן.

דארט שטעלט זיך למעשה ארויס, און אפילו די אגודה האט געמוזט מודה זיין נאכדעם, - ס'איז געווען אן אינטערוויו אין איינע פון די מאגאזינען אין ארץ ישראל **ווי גפני דער חבר הכנסת פון דגל האט מודה געווען אז: "לויט ווי אזוי די מדינה האט אויסגעטייטשט די געזעץ איז עס אין א געוויסן זין נאך ערגער ווי לפיד" - אזוי האט ער אליינס געזאגט.**

און איך האב געהערט פון די עסקנים וואס האבן אביסל פרובירט צו דערשנאפן ביי די חברי הכנסת וואס זיי זאגן אויף וואס זיי פארלאזן זיך, און זיי האבן זיך אליין מודה געווען אז זיי האבן זיך טועה געווען, ס'הייסט זיי האבן נישט געוויסט אז די געזעץ קען ווערן אויסגעטייטשט אזוי לחומרא ווי אזוי דער אטוירני דזשענעראל האט עס אויסגעטייטשט, און נישט נאר ס'קען ווערן אויסגעטייטשט, נאר אין פאקט יעצט נאכדעם וואס דער אטוירני דזשענעראל האט עס אריינגעגעבן אפיציעל פאר די מדינה, איז דאס לכאורה געווארן ווי דער אנגענומענער געזעץ, אויב זאל דער שר הבטחון למעשה טון אנדערש ווי דארט שטייט, וועלן די אנדערע גלייך קומען צו לויפן צום בג"ץ און זאגן אז דער אטוירני דזשענעראל האט געזאגט ליגנט אדער אז ער שטימט נישט מיט'ן שר הבטחון, ממילא וועט אוועקפאלן די גאנצע ענטפער פון די מדינה.

לכאורה, על פי דרך הטבע, לויט ווי אזוי די זאך גייט יעצט דארף עס אויפקומען אז דאס בלייבט דער געזעץ, ממילא דארף מען וויסן וואס די געזעץ איז יעצט, און איך וועל עס פרובירן מסביר צו זיין: **ס'איז איינגעטיילט אין דריי, זיי האבן געמאכט אזוי, ביז תש"פ איז "תקופת הסתגלות ראשונה", פון תש"פ ביז פ"ג איז "תקופת הסתגלות שניה", און נאך פ"ג איז "תקופת הקבע"**, דעמאלטס איז די "פיינעל סטעידזש" וואו מען וויל אנקומען.

## "תקופת הסתגלות ראשונה"

די הסתגלות ראשונה וואס איז ביז תש"פ, דארף זיין אזוי ווי יעצט אז ווער ס'וויל באקומען א דיחוי, אויב קומט ער נאך די פארלאנגען קען ער עס באקומען, נאר וואס דען די מדינה האט אראפגעשטעלט "יעדי הגיוס" צו וואס זיי ווילן צוקומען, און זיי ווייזן אויף דארט פאר'ן בג"ץ אז זיי זענען מצליח ארויפצוגיין מיט די נומבערס מער און מער, און זיי נעמען זיך דארט פאר אז זיי גייען אויך פארשטערקערן די פארלאנגען וויאזוי צו קענען באקומען א דיחוי.

איך וויל מיך דא געבן א שטעל אפ, דער שר הבטחון האט יעצט אויפגעברענגט פארשידענע תיקונים וואס ער וויל מאכן, ס'טייטש, ער וויל צולייגן געוויסע תנאים ווי אזוי מען זאל קענען באקומען א דיחוי.

אין אנהייב האט אויסגעזען אז די חרד'ישע חברי הכנסת וועלנדיג געפעלן פאר'ן שר הבטחון, זיי זוכן נישט זיך צו צוקריגן, נישט צוברעכן די כלים ווי זיי רופן עס, האט אויסגעזען אז זיי גייען מסכים זיין דערצו, שפעטער האבן זיי געזאגט אז זיי זענען נישט אינגאנצן מסכים, ממילא ביז דערווייל איז עס געבליבן שטעקן ביי די קאמיטע ווי ס'זיצט יעצט, די ועדת חוץ ובטחון, און מען ווייסט נישט וואס ס'גייט זיין דער סוף דערמיט.

איך וויל דא צולייגן אז אזויפיל קרעדיט קען מען זיכער געבן פאר די ליטווישע וואס פירן די מערכה, אז אויב די חברי הכנסת שעמען זיך נאך צו געבן זייער הסכמה פאר די תיקונים איז עס נאר א דאנק דעם וואס ס'איז דא ווער ס'האלט א אויג דערויף, זיי ווייסן אז ס'וועט זיין ווער ס'וועט זיי פארהאלטן, אבער עכ"פ ביז דערווייל איז דאס נאכנישט קלאר צי דאס גייט דורכגיין.

און יעדער ווייסט אז ס'איז ארויסגעקומען די לעצטע קול קורא פון בית דין, זייער א שארפע קול קורא, און ס'האט זיך אויך באצויגן צו דעם אז מען וויל פסל'ן פרישע ישיבות, זיי ווילן אראפלייגן געוויסע גדרים ווער ס'קען ווערן אנגערופן א ישיבה און ווער ס'קומט דאס נישט נאך איז אויטאמאטיש נישט קיין ישיבה, ממילא קען דער ראש ישיבה נישט געבן קיין "דיחוי שטר" פאר זיינע תלמידים. דאס איז נאך דערווייל א אומקלארע זאך, און דאס איז א גזירה וואס מען דארף באקעמפן און האפנטליך די קול מחאה פון ארץ ישראל אינאיינעם מיט דאהי וועט עפעס אויסמאכן, און לאמיר האפן אז ס'וועט נישט פאסירן. עכ"פ דאס איז די געזעץ פון יעצט ביז תש"פ.

## "תקופת הסתגלות שניה"

תש"פ דארף ווערן תקופת הסתגלות שניה לויט זייער פלאן, און די חילוק וואס דארף ווערן פון יעצט ביז דעמאלטס, אז דעמאלטס דארף די יעדי הגיוס געטוישט ווערן צו "מכסות", "יעדי הגיוס" איז טייטש ס'איז דא א יעד, א ציל צו וואס מען וויל צוקומען, "מכסות" איז טייטש אז ס'איז א צאל וואס מען "מוז" נאכקומען די צאל, נישט אז מען פרובירט אנצוקומען דערצו נאר מען מוז.

ס'איז נישט קלאר וואס הייסט "מען מוז", און וואס טוט זיך אויב נישט, אבער לויט ווי אזוי ס'פארשטייט זיך פון די פאפירן מיינט עס צו זאגן אז אויב קומט מען נישט נאך די דעמאלטס'דיגע מכסות וואס דער שר הביטחון באשטימט, קען דער שר הבטחון זאגן אז איך געב מער נישט ארויס קיין דיחויים. לאמיר זאגן ס'פעלט מיר 500 צוצוקומען צו די מכסות הגיוס, נעם איך אראפ 500 פון די דיחויים, איך פסל 500 דיחוים און איך שיק זיי אין מיליטער חס ושלום. פארשטייט זיך אז מען וועט לוחם זיין קעגן דעם, אבער דאס איז וואס זיי ווילן, דאס איז לויט ווי אזוי די געזעץ איז געווארן אויסגעטייטשט דורכ'ן אטוירני דזשענעראל אין די בג"ץ, און דאס איז די טויש וואס דארף ווערן תש"פ.

## "תקופת הקבע"

תשפ"ג לויט ווי אזוי ער האט עס אויסגעטייטשט ליגט עס שוין בכלל נישט אין די הענט פונעם שר הבטחון, תשפ"ג ווערט בטל די יעצטיגע געזעץ און דעמאלטס דארף מען צוקומען צו א תקופת הקבע וואס דארף זיין אזוי ווי לפיד שר"י האט געוואלט אריגינעל אז נאר 1,800 בחורים קענען באקומען יעדעס יאר א דיחוי, די איבריגע זיבן אכט טויזנט דארף מען שיקן אין מיליטער! ביז די 21 יאר קען יא יעדער באקומען, אבער פון ווען מען ווערט 21 יאר דארף מען חלילה גיין אין מיליטער.

פארשטייט זיך אז אפילו די אגודה קען נישט מסכים זיין צו אזא פלאן, יעצט זאגן זיי אבער נישט הויך אז זיי האבן א פראבלעם מיט דעם, ווייל ס'איז דאך א דורכפאל פאר זיי. זיי האבן דאך איינגערעדט בשעת'ן מאכן דעם חק אז ס'ווערט אויסגעטייטשט אנדערש ווי ס'איז יעצט געווארן אויסגעטייטשט, ממילא זיי ווילן נישט רעדן דערפון און זיי פארמאכן דאס מויל ווען איינער רעדט יא.

אויף וואס זיי פארלאזן זיך יא איז, אז אינצווישן וועט זיין נאכאמאל בחירות, זיי וועלן פארשטייט זיך נאכאמאל אריינגיין אין די קאאליציע, ס'איז קוים פארהאן א פראגע דערוועגן, ממילא וועלן זיי שוין דעמאלטס זען ווי אזוי זיך צו באזארגן אויף תשפ"ג, ווי אזוי ס'זאל דעמאלטס גיין ווייטער.

פארשטייט זיך אז לויט ווי אזוי ס'זעט אויס ביז יעצט, קען מען שטארק שטארק חושש זיין אז אפילו אויב זאלן זיי עפעס מסדר זיין, וועלן זיי מעגליך מאכן נאך א ערגערע פשרה, און ס'קען זיין אז די זאכן וואס מען וועט דעמאלטס דארפן אננעמען וועט זיין סאך שארפער ווי יעצט, און פארשטייט זיך אז מען האפט אז זיי זאלן דורכפאלן מיט זייערע פשרות, און זיי זאלן אויך איינזען אז די איינציגסטע וועג וועט זיין אז מען וועט זיך צוזאמנעמען א פאראייניגטע פראנט, און אויב זאל דאס פאסירן דעמאלטס קען מען זייער זייער גרינג דורכברעכן, אינגאנצן, נישט אויף האלבוועגס, נאר מ'קען אינגאנצן דורכברעכן די גאנצע נושא.

און דא איז דאס פלאץ צו זאגן אז די עסקנים ארבייטן אויף נאך פארשידענע פראנטן וואס ס'איז נישט פאר'ן ציבור, ס'איז נישט זאכן וואס דער ציבור קען צוהעלפן, די ציבור קען צוהעלפן מיט געלט, אבער די עסקנים לויט וויפיל געלט זיי האבן אזויפיל קענען זיי פרובירן צו ארבייטן אויף די ציוניסטישע דעת הקהל, אינעווייניג און אינדרויסן, עכ"פ פארשידענע סארט זאכן מיט שרייבערס מיט לויערס, אויף זייער א סאך פראנטן ווי אזוי מען קען מקדם זיין פני הרעה, אבער דאס איז זיכער אז אלע עסקנים, אלע רבנים, אלע מנהיגי העדה'ס האלטן זייער אפענע אויגן אויף וואס ס'קומט קעגן אונז, סיי אויף וואס ס'גייט זיין תש"פ, און אוודאי אויף וואס ס'גייט זיין תשפ"ג.

דער ציבור איז זיכער גרייט אז וואס ס'וועט זיך נאר אויספעלן צו טון, קודם יעצט אזוי ווי מיר האמיר שוין געהערט אז פון צייט צו צייט פעלט זיך אויס א קול מחאה, סיי דאהי און סיי אין ארץ ישראל, צו האלטן דער ציבור וואך מען זאל נישט מיינען אז ס'איז נישטא קיין גזירה, מען זאל וויסן פון די גזירה, אבער עכ"פ ווען ס'וועט קומען דערצו אז מען וועט דארפן נאכמער פארשארפן די מערכה איז זיכער אז דער גאנצער ציבור וועט זיין דערביי, און מען קען נאר זאגן ולה' הישועה.

**שואל: יא, פיין א גרויסן יישר כח פאר אייער צייט און מען האפט טאקע אז דער ציבור פארשטייט הן די האקלקייט פונעם ענין פונעם גזירה, און טון וואס מען קען מתפלל זיין פאר'ן אייבערשטן ס'זאל בטל ווערן, און הן די חלק פון שטיצן די ערליכע עסקנים וואס העלפן ארויס די בחורים מיט אלע סארט ענינים.**

**דער אייבערשטער זאל העלפן אז בקרוב זאל די גאנצע מלכות המינות בטל גיין און מען זאל זוכה זיין מקבל זיין פני משיח צדקינו, ש'כח און א גוטע נאכט.**

**תשובה:** ייש"כ פאר די געלעגנהייט, כל טוב.

# חלק ב׳

## מציאת הדברים סביב הכינוס, ונחיצת האחדות

שמועס אפגעהאלטן א׳ שלח תשע"ז

**שואל: א גוט יאר אלע חשוב'ע צוהערער מיר גייען יעצט אריבער צום צווייטן מאל כאפן א שמועס מיט אן עסקן איבער אלעס ארום די גזירת הגיוס, און בפרט די לעצטע אנטוויקלונגען.**

**א גוט יאר כבוד העסקן, מיר האבן שוין געהאט לעצטע מאל א לענגערע שמועס אלעס ארום די גזירה, יעצט וויל דער עולם הערן אביסל איבער די לעצטע געשעענישן אפאר יאר ענינים, קודם מיט די בריוון אויסטוישן צווישן די ליטווישע גדולים וואס איז דא צו זאגן דערויף, אבער בעפאר דעם, דאס ערשטע כידוע ס'איז געווען א רעדע איבער א "פאראייניגטע כינוס רבבות", למעשה איז אזאנס דערווייל נישט צושטאנד געקומען, דער ציבור איז זייער נייגעריג צו הערן גענוי וואס ס'איז פארגעקומען, די השתלשלות הדברים.**

**תשובה:** יא, ווי דער ציבור ווייסט איז למעשה יא פארגעקומען א גרויסע מעמד, אבער, **מען האט געהאט גערעדט פון מאכן א מערכה וואס זאל פאראייניגן די גאנצע יהדות החרדית אין אמעריקע, און דאס איז ליידער דערווייל נישט צושטאנד געקומען.**

פארוואס דאס איז נישט געווארן, און פארוואס אונז זעמיר נישט געגאנגען צום כינוס וואס איז יא געווען, איז אזוי. איך האב געזען אז מענטשן נעמען אויף א זאך זייער איבערפלעכליך, מען האט אויפגענומען אז פאר דעם זענען מיר נישט געגאנגען "ווייל ס'איז נישט געווען פאראייניגט מיט אלע שיכטן און קרייזן", כאילו ס'איז דא עפעס א סעיף אין שולחן ערוך אז אויב מען נעמט נישט צוזאם אלע שיכטן און קרייזן קען מען נישט גיין...

וויל איך דא קלאר מאכן די ענין פון גיין פאראייניגט, יא פאראייניגט, נישט פאראייניגט, ס'איז דא דריי באזונדערע נקודות און איך וואלט געוואלט איינטיילן די דריי נקודות.

### 1) כח הרבים

די ערשטע נקודה איז, ס'איז דא אמאל וואס מען וויל גיין צוזאמען פשוט ווייל יעדער איינער פארשטייט אז ווי א גרעסערער עולם דו האסט, און ווי מער סארט קהילות דו פארטרעטסט, ביסטו א שטערקערע כח ווייל ס'פארטרעט א שטערקערע חלק פונעם יהדות החרדית, אדער איז גאר אז דו פארטרעטסט דעם גאנצן יהדות החרדית, ממילא איז קלאר אז ווי מער איז שטערקער. וכך נהג מרן רביה"ק זי"ע, ער האט אלס געזוכט צו פאראייניגן וואס מער קרייזן ביי די מחאות.

אבער דאס מיינט נאכנישט אז אויב ס'איז דא קרייזן וואס ווילן זיך נישט צושטעלן קען מען נישט ארויסגיין, דאס מיינט אז ס'איז בעסער ווען ס'איז יא דא און מ'ארף טוהן וואס מ'קען אז ס'זאל זיין. אבער, אז ס'איז נישט דא גייט מען אליינס.

### 2) בקשת ראשי הישיבות להמתין עם העצרת

די צווייטע נקודה איז, אז אמאל איז דא וואס אנדערע קרייזן קומען זאגן אז איך גיי ארבייטן אויף א אנדערן אופן און ממילא וויל איך נישט ס'זאל יעצט זיין א עצרת, וואס דאס איז געווען אין אונזער פאל, די לעצטע וואך צייט האבן די לעיקוואוד'ער ראשי ישיבות געזאגט אז זיי

האלטן אינמיטן ארבייטן אויף גאר אפעקטיווע זאכן, וואס אביסל האט דער עולם מיטגעהאלטן, הגם ס'איז געווען בלויז זאכן וואס זענען "ארויסגערינען", וואס פון זייער זייט האט עס געדארפט זיין שטיל אונטער'ן טיש, אבער א דאנק וואס ס'האט ארויסגערינען האט שוין דער ציבור מיטגעהאלטן אביסל פון וואס מען טוט דארט, - אונז וועל מיר באלד אביסל מער ארומשמועסן איבער דעם, אז דער ציל דערפון איז, אנצוקומען צו א פונקט צו וואס יעדער איינער איז מודה אז מען דארף טון אין דעם, און מען דארף פירן א מערכה אויף די זאך, יעדער זאל עכ"פ מודה זיין אז די זאך איז א פראבלעם, - ממילא וויבאלד זיי ארבייטן אויף דעם אופן יעצט, האבן זיי געבעטן אז יעצט איז פאר זיי נישט גוט די עצרת, זיי בעטן אז די עצרת זאל נישט זיין יעצט, מען זאל נאך ווארטן.

הגם באמת פון די ערשטע מינוט ווען מען האט אנגעהויבן רעדן פון אן עצרת זענען זיי געווען די וואס האבן דאס געבעטן, זיי האבן אנגעהויבן רעדן דערפון, זיי האבן עס פארלאנגט, דער ערשטער וואס איז געקומען בכלל אנטראגן אזא זאך איז געווען א ליטווישער עסקן, אבער יעצט וויבאלד זיי האבן אנגעהויבן טון שטארק אין די זאך, האבן זיי געזען אז זיי האבן א געוויסע מהלך וואס די עצרת וועט שטערן דעם מהלך, ממילא האבן זיי יעצט געבעטן אז מען זאל עס אפהאלטן אויף דערווייל.

אויף אזא זאך איז דא זייער א קלארע הוראה פונעם הייליגן רבי'ן ז"ל, וואס דער רבי שליט"א האט יעצט ארויסגעברענגט ביי די אסיפה ווען די רבנים זענען געווען ביי אים מאנטאג בהעלותך, האט דער רבי גערעדט פון דעם אז ס'איז געווען זייער א קלארע מעשה ביים רבי'ן ז"ל וואס איז אפגעשריבן געווארן בשעתו סיי דורך ר' ליפא פריעדמאן ע"ה, ס'איז דא כתבים דערפון, און סיי אין ספר בוצינא קדישא פון ר' סענדר דייטש ע"ה, און סיי שפעטער אין על הגאולה וואס איז ארויסגעקומען אין די ס' יארן וואו ס'איז דא א לאנגע הקדמה וואס ר' יוסל אשכנזי ז"ל האט געשריבן, האט ער דארט אויך אפגעשריבן די מעשה מיט אלע דעטאלן, מען קען זען דארט וואס ס'האט זיך דעמאלטס אפגעשפילט, ס'איז געווען די גזירה פון ניתוחי מתים, האט מען שוין געהאלטן ביים מאכן א גרויסע מחאה, און דעמאלטס זענען געקומען די מזרחי, און זיי האבן געזאגט אז זיי גייען עפעס אויפטון, און ממילא האט מען זיך אפגעהאלטן. דער רבי האט געהייסן עס אפשטופן אויף פיר וואכן. אפילו ס'האט יעדן טאג געברענט א גזירה פון ניתוחי מתים, ס'האט נוגע געווען טאג נאך טאג.

**איז פארוואס האט מען עס אפגעשטופט?, דא דארף מען ארויסברענגען א נקודה, אז די געדאנק פון דעם איז נישט אז מען שטופט עס אפ ווייל זיי זאלן קומען, דער רבי ז"ל האט נישט אפגעשטופט ווייל ער האט געוואלט די מזרחי זאל קומען, ס'איז נישט געווען בכלל קיין הוה אמינא די מזרחי זאל קומען צו א פראטעסט, דער רבי האט עס אפגעשטופט ווייל ער האט געהאלטן די פראטעסט פאר א "וואפן" וואס מען געט נישט א שיס אויס ווייל איך האב יעצט געכאפט א התעוררות און "איך וויל יעצט ארויסגיין צייגן מיין כח", איך וויל נישט ווארטן קיין איין מינוט. ניין, א עצרת איז א זאך וואס אויב איינער בעט מיך איך זאל ווארטן האב איך נישט קיין שום פראבלעם צו ווארטן, אויב איינער זאגט מיר אז ער האט עפעס א מהלך אויפצוטון, זאג איך אים, פיין, טו אויף, איך גיי ווארטן! דאס איז די מהלך, מען קען עס זען אינעווייניג און ארויסנעמען דעם סך הכל זייער קלאר.**

דאס איז געווען איינע פון די זאכן וואס דער רבי שליט"א האט דא געזאגט, אז וויבאלד אנדערע האבן יעצט א מהלך, וואס מען זעט דאך באמת אז ס'האט געמאכט א 'שערורי' און ס'האט אויפגעוועקט געוויסע פונקטן, און זיי האבן א מהלך מיט וואס זיי ווילן אנקומען, ממילא אז זיי בעטן אז די עצרת יעצט קען זיי נאר שטערן, ווייל ס'הייטערט אביסל אויף די געמיטער, און ס'שטערט דעם מהלך אויף וואס זיי ארבייטן, - אונז וועל מיר באלד אביסל רעדן דערפון, - דארף מען נאכקומען דער פארלאנג, און דאס האט נישט קיין שייכות צי זיי גייען יא קומען צי זיי גייען נישט קומען. די געדאנק דערפון איז ווייל זיי האבן א מהלך וואס זאל אויפטון און זיי זאגן אז די עצרת וועט זיי שטערן. דאס איז די צווייטע געדאנק.

## אסיפת רבנים

נאכדעם איז דא א דריטע זאך, וואס יעדער ווייסט אז פון ווען מען האט אנגעהויבן רעדן גלייך נאך פסח, מען האט אנגעהויבן רעדן פון ארגאנזשירן אן עצרת, איז דעם רבי'נ'ס ענטפער געווען אז ס'דארף קודם זיין אן אסיפת הרבנים.

פארוואס דארף זיין אסיפת הרבנים?, אמת, אויך וועגן פאראייניגן אלע קרייזן, אבער דא דארף מען שוין פארשטיין וואס דאס מיינט פאראייניגן אלע קרייזן. דער רבי שליט"א האט געהאט א אסיפה פארגאנגענעם ל"ג בעומר, דער רבי האט ארויסגערופן די רבנים פון משמרת חומותיך ירושלים, און דער רבי האט זייער קלאר אראפגעלייגט וואס זיין מהלך איז. ס'איז געווען לעצטנס מערערע דרשות פונעם רבי'ן איבער די נושא, דער רבי האט עס ארויסגעברענגט עטליכע מאל, אבער מענטשן קענען נישט די אינערליכע זאכן וואס דא גייט פאר, ממילא האבן געוויסע מענטשן נישט גענוג פארשטאנען, און דער רבי האט דארט ביי די אסיפה מסביר געווען וואס דער היינטיגער פראבלעם איז, און פארוואס ער וויל אז בעפאר מען מאכט א עצרת זאל צוערשט פארקומען א אסיפת הרבנים.

## נחיצת אסיפת רבנים להעמיד המצב על אמיתה

דער רבי האט אראפגעלייגט אזוי, יעדער ווייסט, ס'איז נישט קיין סוד, אז די גזירת הגיוס איז א שווערע גזירה, ס'איז אבער אויך נישט קיין סוד אז די גזירת הגיוס איז ארייגעפאלן אין א פאליטיק פון צוויי ליטווישע צדדים, וואס האט גורם געווען אז יעדער איינער איז משקר אויף זיין זייט, איינער איז משקר ער זאגט אז די גזירה איז אויף נומער הונדערט, אין די צייט וואס די מציאות איז עטוואס אנדערש, א צווייטער איז משקר, ער זאגט אז די גזירה איז אויף נומבער **1** אדער גאר אויף **0**, אז ס'איז בכלל נישט דא קיין גזירה, אין די צייט וואס ער ווייסט אליין אז ס'איז יא דא א גזירה און ס'איז יא דא פראבלעמען.

פארוואס איז דאס אזוי? ווייל ס'איז געווארן א פאליטיק, די מציאות איז אז אין די זעלבע צייט וואס די גזירה האט זיך אין די לעצטערע יארן געטוישט און ס'איז געווארן אויסגעשטעלט אויף א מורא'דיגע קינצליכע

מהלך, ווי אזוי די רשעים ווילן גיין אויף א אופן ס'זאל גיין צוביסלעך, ס'זאל גיין בפה רך, און ס'זאל בעיקר קודם אנקומען אזעלכע שוואכערע וואס לאזן זיך איבערעדן, אדער אזעלכע וואס ליידער זייערע רבי'ס זאגן זיי אז זיי מעגן עס טון, וכדומה (אזוי ווי אונז האמיר שוין אויסגעשמועסט אין די פריערדיגע שמועס).

ממילא איז אן ערנסטע מהלך ווי אזוי צו באטראכטן וואס די גזירה איז און וואס'ערע מיטלען אונטערצונעמען, **נישט סתם ווייל מען דארף עפעס טון, נאר ווייל מען זאל טאקע אויפטון.**

אבער עס ווייסט יעדער איינער אז ס'האט זיך אין די זעלבע צייט אויך געגרינדעט א פארטיי וואס די פאַן פון די פארטיי איז די גזירת הגיוס, ממילא ווייל זייער פאן איז די גזירת הגיוס, דאס איז זייער עקזיסטענץ און אויף דעם שטייען זיי, זענען זיי נישט 100% אויפריכטיג אין דעם, און זיי גייען למעשה עקסטרעם אויף א פארנעם וואס רוב פון די מהלכים וואס מען טוט, סיי מען איז מגזם איבער די מצב וואס איז יעצט, און סיי מען נעמט אונטער פעולות וואס זענען נישט אפעקטיוו באמת אויפצוטון אויף די יעצטיגע פארנעם, נאר ס'האט א קאנטער עפעקט, ס'טוט אויף פארקערטע זאכן, ובפרט מיט דעם וואס מען טרייבט איבער איבערן יעצטיגן מציאות אויפ'ן פראנט וואס איז גורם ס'זאל ווערן א ליצנות בעיני העם.

און באזונדער, ווייל ס'איז א פאליטיק מוז די אנדערע צד זאגן אז ס'איז "גארנישט" דא, ווייל יעדע ברעקל וואס איינער איז מודה אז ס'איז דא א געוויסע פראבלעם, האט ער געגעבן מיט דעם חיזוק פאר די אנדערע פארטיי, און ס'וועט גלייך זיין א גרויסן קעפל אין יענעמס צייטונג און אין די אלע מיני קאמיוניקאציעס פון די אנדערע פארטיי, אז "יענער האט געזאגט אזוי און אזוי, ממילא איז עס א געווינס פאר אונז", ממילא דערפאר וויל קיינער נישט מודה זיין פון יענע זייט אין די פראבלעמען וואס זענען באמת דא.

## הפראבלעם של "הגזמות" לנו ולבנינו

און די מציאות איז אויך פון אן אנדערע זייט, אז מען איז מגזם מורא'דיג שטארק, מענטשן האבן נישט קיין אהנונג וואס איז יעצט באמת די גזירה, די יעצטיגע גזירה האט אין זיך זייער האקעלע ליניעס, וואס איז יעצט די מצב און וואס איז די עצה צו יעדע זאך.

אינעם מציאות איז די יעצטיגע גזירה בעיקר אויף שוואכערע בחורים וואס לאזן זיך מפתה זיין, אדער עכ"פ זענען נישט אנטשלאסן נישט צו גיין אין מיליטער. אבער כדי צו דראמאטיזירן די מצב, און כדי צו בארעכטיגן יעדע סארט שריט וואס דער אדער יענער נעמט אונטער, פרובירט מען עס אראפצומאלן אין יעדע דרשה, פלאקאט און פרעזענטאציע, אז "די יעצטיגע סכנה איז ממש אויף אלעמען". "עס ברענט א פייער אין אלע ישיבות". "די מצויינים גייען לאיבוד". "קיין איין טאטע שלאפט נישט רואיג", וכו' וכו'.

איי ווען מענטשן פרעגן, נו, וואס איז די פראבלעם אז מען איז מגזם?, מען מעג נישט מגזם זיין? וואס קען שוין זיין. מען איז דאך נישט מגזם לקולא. מען איז דאך מגזם לחומרא, וואס איז די פראבלעם?

די פראבלעם פון מגזם זיין לחומרא איז צוויי זאכן: פאר אונז אליינס, און פאר די גאס.

ערשטנס, מענטשן דא דרייען זיך ארום און מען לעבט מען קאכט אין די מערכה, ס'טוט זיך א איבערקערעניש, און מען געט איבער פאר די קינדער אז ס'טוט זיך אין ארץ ישראל, מען כאפט בחורים אין די גאסן, - דער טאטע אדער אפילו דער קינד, דער בחור, צי דער יונגערמאן, א שיינעם טאג כאפט ער א שמועס מיט איינעם פון ארץ ישראל, און יענער זאגט אים "דו ביסט נארמאל? לא היו דברים מעולם!, ס'הייבט זיך נישט אן די גאנצע זאך!, איך האב באקומען א דיחוי און מיינע חברים האבן באקומען א דיחוי, ס'איז נישטא איין בחור, איך לערן אין די גרעסטע ישיבה אין ארץ ישראל, ס'איז נישט דא דארט איין בחור וואס איז געגאנגען אין מיליטער!", ממילא וואס זאגט מען אין אזא צייט? שקר נחלה לנו אבותינו! די גאנצע מערכה – און אלע מערכות - זענען א שטיק שקר... חס מלהזכיר.

און דאס איז נישט זאכן וואס קענען אמאל געשען, דאס איז זאכן וואס געשעען מדי יום ביומו, יעדע זאך וואס מען זאגט און ס'איז איבערגעטריבן, - אין די היינטיגע וועלט ס'איז זייער א אפענע וועלט - א טאג נאכדעם הערט מען אז דאס און דאס איז נישט אמת, יענער האט געשריבן אזוי און אזוי און מען איז מברר אז דאס איז נישט אמת. ממילא דאס איז די פראבלעם לגבי אונז אליין, אז ווען מען איז מגזם ווען מען שרייט טעגליך זאכן וואס זענען לופטיגע זאכן, מען שלאגט זיך נישט אויפ'ן עצם אמת'דיגקייט פון די גזירה, דעמאלטס טוט נישט אויף די גאנצע מערכה, ס'קומט נישט אן אין ערגעץ נאר פארקערט.

## הפראבלעם של "הגזמות" לגבי "כלל ישראל"

און אז מען רעדט פון אידן איז כל שכן וכל שכן ווען מען רעדט פון ארויסגיין אביסל אין די ברייטע אידישע גאס, מען וויל מאכן א הסברה און מען וויל אויפקלערן, מען וויל מענטשן זאלן אנערקענען ווי פאלש די מהלך פון די אגודה איז, ווי פאלש די שוויגן איז, און ווי אמת'דיג ס'איז באמת דא א פראבלעם, מען וויל פרובירן אז מענטשן אין די גאס זאלן אנערקענען א זאך, אין די צייט וואס מען איז אזוי מגזם, ווען מען רעדט פון זאכן וואס זענען במציאות נישט אמת, (וועלמיר באלד זאגן משלים), איז פארשטייט זיך אז די תוצאה דערפון איז אז קיינער הערט אונז שוין נישט אויס, קיינער איז שוין בכלל נישט מקבל, מען הערט נאר א גאנצן טאג אז מען זאגט שקר, אז מען ווייזט אויף זאכן שווארץ אויף ווייס אז וואס מען האט געזאגט איז נישט ריכטיג. דאס איז מעשים בכל יום. און וויבאלד ס'איז שוין א פאליטיק אויך, איז דא אזעלכע מענטשן וואס זענען פארנומען אגאנצן טאג אויפצואווייזן יעדע שקר, און די בזיונות זענען גרויס.

נישט אומזיסט האט מען געזען אין די לעצטע וואכן אז אין די "יתד נאמן" איז געווען אראפגעברענגט שטיקלעך פון געוויסע פלאקאטן פון אמעריקע, און זיי האבן ניטאמאל קאמענטירט אויף די שטיקלעך, זיי האבן בלויז אראפגעברענגט די שטיקלעך אין א בחינה וירא הקהל וישפוט, א יעדע איד אין ארץ ישראל ווייסט אליין אז אלע שטיקלעך זענען איבערגעטריבן, און זיי ברענגען עס אראפ מיט דעם אויפצוווייזן אז די גאנצע מערכה איז א פאלשע מערכה. ממילא דאס איז לגבי אונז, לגבי

די אידישע גאס, ס'איז נישט מעגליך אנצוגיין מיט אזא מערכה ווען מען גייט נישט מיט'ן פינטעלע אמת, דאס איז לגבי אונז אליין.

## הפראבלעם לעיני העמים והשרים

נאך סאך מער שטעלט זיך דאס ארויס ווען מען וויל ארויסגיין אויף א פראטעסט, מען גייט אויסשרייען לכל העמים והשרים ולכל העולם כולו אז ס'איז דא דא א גזירה. לאמיר זיך פארשטעלן, למשל לאמיר זאגן די איראנער רעגירונג וויל אסר'ן די אידישע שחיטה, נעמען זיך צוזאם דארט א קאנגרעס רבני המדינה פון איראן און זיי זעצן זיך אראפ מיט די רעגירונג, זיי הייבן אן שרייען ס'איז געפערליך מען קען נישט טון אזא זאך, מען קען נישט אסר'ן אידישע שחיטה, צום סוף קומען זיי אן אויף א פשרה אז מען גייט נישט אסר'ן אינגאנצן די שחיטה נאר יעדעס מאל וואס איינער וויל שחט'ן דארף ער עקסטער ארויסנעמען א פערמיט פון די רעגירונג, א ספעשל ערלויבעניש, אפיציעל גייט עס זיין אסור, און מען גייט אלץ נעמען יעדע מאל א ספעציעלע ערלויבעניש. וועלן ארויסקומען אנדערע אידן, נאכדעם וואס ס'איז געמאכט געווארן אזא פשרה, זיי וועלן קומען קיין אמעריקע, זיי וועלן מעורר זיין אונז זאל מיר קומען צו הילף פאר די אידן אין איראן אז זיי האבן א געפערליכע פראבלעם, ווייל יעדער איינער פארשטייט אז פארוואס האט די רעגירונג געמאכט אזא זאך מען זאל דארפן נעמען א פערמיט, ווייל ס'איז א קלארע ציל פון די רעגירונג שמאל צו מאכן די אידישע שחיטה, און נישט נאר ס'איז א ציל וואס זיי גייען זעקס זיבן יאר ארום אנקומען אז זיי גייען אויפהערן צו געבן די פערמיטן, נאר שוין יעצט, ס'איז דא טויזנטער אידן דארט וואס זענען אביסל שוואכערע אידן, און לכבוד דעם וואס ס'איז געווארן אזוי שווער צו שחט'ן גייען זיי עסן פון נישט אידישע שחיטה רח"ל, זיי גייען עסן טריפות א דאנק דעם.

אז ס'וועט קומען אזא רוף און לאמיר זאגן מען וועט ארויסגיין פראטעסטירן קעגן יענעם רעגירונג, פארוואס זיי האבן געמאכט אזא זאך אז מען דארף ארויסנעמען א פערמיט, איז עס זייער א שיינע און גוטע מערכה. איי די רבנים דארטן האבן מסכים געווען צו די פשרה, פיין, לאמיר זאגן זיי האבן נישט געהאט קיין ברירה, ס'איז געווען א "בוחר הרע במיעוטו", אבער די עצם זאך אז מען דארף נעמען א פערמיט איז נאך אלס א פראבלעם. יעדער וועט עס פארשטיין.

וואס גייט אבער זיין אויב גייען ארויסקומען אידן פון איראן און זיי גייען זאגן אז אין איראן איז די מצב געפערליך, די רעגירונג האט גע'אסר'ט די גאנצע אידישע שחיטה, ס'איז נאך דא עפעס געוויסע וועגן אבער זיי האבן גע'אסר'ט די גאנצע אידישע שחיטה! מ'קען מער נישט שחטן דארט! און אידן דא וועלן ווערן נתעורר, מען וועט ארויסגיין קיין וואשינגטאן, אין פראנט פון די ווייסע הויז, און ס'וועט זיין א גאר געלונגענע פראטעסט, א געלונגענע מערכה... ס'וועט זיין דארט אלע חרדי'שע אידן פון איבעראל, פון אלע סארט קרייזן, פון די ווייטסטע געגנטער וועלן דארט אנקומען פראטעסטירן קעגן די איראנער רעגירונג, אז מען לאזט נישט קיין אידישע שחיטה.

למעשה גליך נאכ'ן פראטעסט, לאמיר זאגן דאנאלד טראמפ דער פרעזידענט וועט זיין זייער אויפגעקאכט, אזא געפערליכע זאך, ער גייט אנקלינגען דעם איראנעם פרעזידענט, און ער קלינגט אן און ער פרעגט אים "ס'איז אמת אז דו האסט גע'אסר'ט אידישע שחיטה, דער גאנצער עולם פארפירט דא ס'איז דאך געפערליך". זאגט ער "איך ווייס נישט וואס דו רעדסט, איך האב קיינמאל נישט גע'אסר'ט די אידישע שחיטה, פרעג נאר מיינע רבנים, די קאנגרעס רבני איראפע, די אידישע רבנים דא, פרעג זיי צי מען שחט נישט, יעדן טאג שחט מען, מ'גיט ארויס טויזנטער פערמיטן, אלעס איז פיין און וואויל, ס'איז אלעס אויפ'ן בעסטן ארדענונג". **האט יעצט עפעס אויפגעטון די פראטעסט וואס מען האט געמאכט?, אלעס איז געווארן אש און פארע אין איין סעקונדע!!**

די זעלבע זאך לענינינו, אויפ'ן יעצטיגן מצב, אז יעדער איינער איז עקסטרעם אויף די אנדערע זייט, איינער שרייט עקסטרעם ס'איז ממש געפערליך מען כאפט בחורים אין די גאסן, און מען נעמט אוועק דיחויים פון בחורים איינס נאכ'ן צווייטן יעדן טאג, און דער צווייטער שרייט אז ס'גארנישט דא, ס'איז נישטא קיין שום גזירה. און אז אונז גיי מיר יעצט זאגן פאר די גוים ס'איז דא א געפערליכע גזירה, וואס זאל שוין זיין אין בעסטן פאל אז ס'זאל טאקע אנקומען לכל העמים והשרים און זיי וועלן הערן אז ס'איז דא א גזירה, און זיי וועלן אנקלינגען די ציונים און זיי פארהאלטן פארוואס זיי מאכן אזא גזירה, וואס וועלן די ציונים ענטפערן, **"גיי ארויף אויף די מידיא, צי וואו דו קוקסט נייעס, און זוך אויף וואס ס'טוט זיך אין ארץ ישראל, וואס זאגן די רבנים אין ארץ ישראל, קוק דיך אום וואס זאגן אלע ראשי ישיבות פון די גרעסטע ישיבות פון ארץ ישראל, וואס פון זיי רעדט מען דאך דא, מען רעדט דאך דא פון גיוס בני ישיבות, פרעג אלע ראש ישיבות און ווער געוואויר וואס זיי זאגן, זיי זאגן אז אלעס איז פיין און וואויל, ס'איז נישטא קיין שום גזירה..."**

**ס'קען נישט האבן קיין שום שוויות ווען מען איז אפגעטיילט פון 0 ביז 100, וואס אונז זאג מיר און יענע אפיציעלע אגודה רבנים אדער חברי הכנסת אין ארץ ישראל זאגן! וויאזוי קען מען דא שרייען?! מהאמיר וואס צו רעדן בכלל אין אזא ביטערע מצב?!**

**ווען ס'זאל זיין א מחלוקה אז זיי זאגן אז מען דארף 'נישט' מוחה זיין און איך זאג אז מען דארף 'יא' מוחה זיין אויף אזא זאך, פיין, מען האט שוין געהערט אזא מחלוקה, זייער א שיינע מחלוקה, אבער ווען איך שריי ס'איז דא א גזירה, און יענער שרייט ס'הייבט זיך נישט אן, ס'איז נישטא קיין שום גזירה, איז ווי אזוי קען איך יעצט גיין צו די וועלט פראטעסטירן?, וואס זאגט מיר די וועלט צוריק, די וועלט זאגט מיר צוריק, "אנטשולדיגט, יענע רבנים זאגן אז ס'איז אלעס אין בעסטן ארדענונג".**

דאס איז לגבי די גוים, ממילא האמיר ארויסגעברענגט די פראבלעם פון דעם אז ס'איז דא הגזמות אויףביידע זייטן, מען זאגט שקר אויף ביידע זייטן, די פראבלעם איז סיי לגבי אונז און סיי לגבי די אידישע גאס, סיי לגבי די אויפטוען אין די מערכה במציאות אויפ'ן פראנט, און סיי לגבי די גויאישע גאס.

**ממילא דאס איז די סיבה אויף וואס די רבי שליט"א האט געזאגט פארוואס בעפאר ס'קומט פאר אזא עצרת וויל ער האבן אסיפת רבנים, ווייל ער וויל ארויסשלעפן די גאנצע נושא פון די גזירת הגיוס פון פאליטיק! ס'זאל ווערן ארויסגעשלעפט פון די ירושלימ'ע און בני ברק'ע, ס'זאל ווערן א נושא פאר אלע רבנים, מען זאל ארויפלייגן אויפ'ן טיש אלע אמת'ע פאקטן פון ביידע זייטן, און דעמאלטס קען מען צוקומען צו א פינטל וואס יעדער איינער מוז מודה זיין אז די פינטל איז א גזירה, די פינטל איז א**

**פראבלעם, און דעמאלטס קען מען אויף דעם לוחם זיין,** אפילו טאמער די אנדערע וועלן האלטן אז מען דארף נישט לוחם זיין, ס'איז בעסער אז מען איז שטיל, אבער ווען זיי זענען מודה אז די-און-די זאך איז א פראבלעם, קען מען אויף די זאך ארויסגיין אין א מערכה, אין די אידישע גאס און אין די גויאישע גאס און מען קען געווינען די מערכה!

און די אמת איז נאכמער, אז אפילו טאמער די ראשי אגודה, די הויפטן, די גרעסטע רבנים, אפילו ווען מען וועט בכלל נישט מודה זיין אז ס'איז דא א פראבלעם, וועט אבער זיין גענוג און נאך, אויב וועט מען רעדן פון די נקודות וואס זענען באמת א פראבלעם, איז סיי די וואס שרייען אז ס'איז נישט קיין פראבלעם וועלן וויסן ביי זיך אליינס אז באמת איז יא דא א פראבלעם, און סיי עס וועלן שוין דאן זיין גענוג און נאך רבנים אין ארץ ישראל און כל שכן דא אין אמעריקע, גענוג און נאך סארטן קהלות, רבנים און רבי'ס וואס זיי וועלן אנקוקן די פאקטן, זיי וועלן זען די מציאות'ן, וועלן זיי אנערקענען אז דא איז דא עפעס א פראבלעם, און דא איז דא עפעס וואס מען דארף מתקן זיין, דא איז דא עפעס אויף וואס מען דארף פירן א מערכה. **משא"כ יעצט ווען ס'ליגט אין א פאליטיק, און אלעס איז פאליטיק דער שרייט אויף די זייט און דער שרייט אויף יענע זייט, און ס'קומט ארויס כסדר פאקטן וואס איינער איז מכחיש דעם צווייטן, קען מען ליידער נישט אנקומען אין ערגעץ.**

הגם ווען מען רעדט פון דעם דארף מען דא צולייגן אז במשך די לעצטע צוויי חדשים האט זיך זייער שטארק געטוישט צום גוטן די מהלך פון וואס מען רעדט, מענטשן דאהי זענען געווען אזוי צומישט, מען האט געמיינט אז מען כאפט בחורים אין די גאסן, די גאנצע מערכה ארום די התייצבות האט עפעס געהאט אזוי איבערגענומען די מערכה, אז מען האט בכלל נישט געוויסט אז מען רעדט דא פון עפעס א עצם גזירה, קיינער האט נישט געוויסט וואס ווען וואו, מען האט נאר גערעדט פון די בחורים וואס שטעלן זיך נישט און ווערן ארעסטירט, דאס האט איבערגענומען די גאנצע זאך, אין די צייט וואס דאס האט נישט קיין שייכות באמת בכלל צום עצם גזירה. ארעסטירן א בחור וואס שטעלט זיך נישט איז א אלטע גזירה מיום קום המדינה... און וואס איז יא די גזירה? האט קיינער נישט געזאגט.

און מען דארף זאגן אז מען זעט במציאות אז זייט די רבי שליט"א האט אנגעהויבן רעדן איבער דעם, און דער רבי האט אנגעהויבן אפצושיילן די גאנצע מערכה פון התייצבות פון די גאנצע עצם מערכה קעגן די ביטערע גזירה. זינט דעמאלטס זעט מען א גאר ערנסטע שינוי לטובה, דער געדאנק אז דער עולם רעדט פון דעם, די גרעסערע ישיבות און די קלענערע ישיבות, די חילוקים וואס זענען דא, מען רעדט פון די עצם גזירה וואס באטרעפט די עיקר ספרד'ישע בחורים, מען רעדט סאך מער פון די עצם גזירה ווי וויפיל מען האט גערעדט די לעצטע צוויי יאר, איז געווארן באמת א שטארקע שינוי לטובה, די לעצטע פאר וואכן און חדשים.

אבער נאך אלס, איך הער אויס די דרשות ווי אזוי מען רעדט און יעדער איינער ווייסט זאכן וואס מען שרייבט און זאכן וואס מען רעדט, ס'איז מגוזם מאוד מאוד און עס שטעלט אונז קעגן די מציאות, עס שטעלט אונז אריין אין א מיאוס'ע געשטעל.

## היזק נצחי מהגזמה אצל הכינוס

צו באטראכטן די שאדן פון די גוזמאות, דארף מען נישט מער ווי קוקן טאקע אויפן יעצטיגן כינוס. עס האט זיך אויפגעשטעלט רעדן (אויף לשה"ק בשפת אשכנז...) א משגיח אין א ספרדישע ישיבה "נחלת משה", און באוויינט 6 תלמידי הישיבה וועלכע זענען אנגעקומען אין מיליטער רח"ל.

היות ווי געשמועסט איז די יעצטיגע גזירה בעיקר אויף שוואכערע בחורים וואס לאזן זיך מפתה זיין, אבער מען פרובירט מוסיף צו זיין אז דאס גייט בכפי' און עס גרייכט אפילו "מצויינים", האט דער משגיח אויסגערעכנט די נעמען, "אברהם ישעי'" "שלמה בנציון", "רחמים", "המתמיד של הישיבה! לא פסיק פומיה מגירסא" "מצויין מאוד", נתפתה בלשכת הגיוס, און אזוי ווייטער, ביז דער משגיח האט אויסגעבראכן אין א געוויין און אויסגערופן אלע נעמען "רפאל, רחמים, שלמה, איכם?!?!" מיט בכיות אויפן קול.

איין טאג דערויף, זענען געקומען די חרדישע ציוניסטישע פרעסע לייט, און אנגעהויבן טרייבן ליצי ליצנות, זאגנדיג אז דער משגיח איז אייגנטליך א עסקן פון די בני תורה פארטיי זייענדיג א גרינדער פון זייערס א מוסד, און זיי האבן אויפגעוויזן אז ס'נישטא אזעלכע נעמען בכלל אין מדינת ישראל אינעם גיל פון גיוס, זיי האבן געטריבן ליצנות פון די בכיות "רפאל רחמים איכם", זאגנדיג אז איה"נ, זיי זענען עקזיסטירן טאקע נישט בכלל. אין צוגאב האט דער הויפט ראש ישיבה פון נחלת משה געשריבן א בריוו אז אלעס וואס דער משגיח זאגט איז שקר, קיין איין בחור איז – לויט אים – נישט געשלעפט געווארן דורך פיתויים "פון ישיבה צום מיליטער". אזוי טענה'ט ער.

דאן האט דער משגיח געענטפערט אז ער האט בלויז געטוישט די נעמען, אבער די עצם מעשה איז אמת, און מען האט דאן ארויסגעשטעלט פארן פובליק די עכטע נעמען פון די 6 מתגייסים, און צוגעצייכנט גענוי וועלכע בחור עס האט געהאט וועלכע צונאמען.

איז געגאנגען די חרדישע ציוניסטישע פרעסע, און געמאכט אינטערוויו'ס מיט אלע פון די דערמאנטע בחורים, און אלע האבן געזאגט אז זיי זענען צוערשט ארויס פון ישיבה ווייל זיי האבן זיך נישט געפינען דאס פלאץ דארט, און הערשט שפעטער זענען זיי אריין אין מיליטער צוליב נישט האבן קיין מעמד בן ישיבה. איין בחור, דער אויף וועמען מהאט געזאגט אז ער איז נתפתה געווארן אין לשכת הגיוס, דער האט גאר געזאגט אז מהאט אים ארויסגעווארפן פון ישיבה ווייל ער האט געהאט א טעלעפאן מיט טעקסט מעסעדשעס, און דערפאר האט ער זיך מגייס געווען ווייל ער האט פארלוירן זיין מעמד בן ישיבה, און א אנדערער בחור האט געזאגט אז ביזדערווייל ארבעט ער און ער איז נאכנישט אין מיליטער.

**יעצט, צו מיר דארפן גלייבן אלעס וואס די בחורים זאגן? וואס דער הויפט ראש ישיבה זאגט? אפשר נישט! בכלל נישט. אבער פארוואס האט מען אזאנס געטוהן צו וויינען ברבים מיט פאלשע נעמען? פארוואס איז נישט גוט אן קיין נעמען? פשוט, ווייל מיט א נאמען קען מען זאגן מיט א שטארקייט "המתמיד של הישיבה". במציאות ווי עס שיינט, רעדט מען נישט פונעם "מתמיד אדער מצויין", ס'איז געווען א גרויסע גוזמה – מילד**

**גערעדט - געציהלט צו בארעכטיגן באשלוסן פון געוויסע עסקנים פון געוויסע קרייזן.**

א שיינע גוזמה. וואס האט דאס געברענגט? איר קענט זיך פארשטעלן וואספארא לעג וקלס עס טוט זיך יעצט אפ? נישט מסביר צו זיין! די גאנצע מידיע איז פארנומען אהערשטעלן פרעזענטאציעס, וואו מען הערט דעם משגיח וויינען ביים כינוס, און מען הערט דעם בחור פון די אנדערע זייט וואס לייקנט אפ די גאנצע מעשה.

**פעהלט נאך אויס א הסבר וואס גוזמאות ברענגען?! וואס איז שלעכט צו זאגן דעם אמת? איז נישט גענוג דאס אליינס אז שוואכערע בחורים ווערן נתפתה ווייל זיי האבן פייגעלעך אין קאפ נעבעך? דאס איז נישט גענוג א ביטערע זאך? וואלט נישט יעדער מודה געווען אז מדארף עפעס טוהן צו ראטעווען די בחורים זיי זאלן נישט נתפתה ווערן? וואס פעהלט אויס מוסיף צו זיין אז "מצויינים" גייען טעגליך אין מיליטער און דערמיט אונז מאכן צושאנד און צושפאט?! קענען מיר נאך משפיע זיין עפעס אויף די ברייטע גאס צו ראטעווען כלל ישראל - נאך אזא פרעזענטאציע?!**

אט דאס איז איין דוגמה פון וואס עס שפילט זיך אפ די לעצטע עטליכע יאר, טאג נאך טאג.

**ממילא, דאס איז די סיבה פארוואס דער רבי שליט"א האט א גאנצן צייט געזאגט אז ער דארף אן אסיפת הרבנים, ווייל ער האט געוואלט איינמאל פאר אלעמאל קריסטאליזירן די זאך, אפשיילן די זאך, און קלאר מאכן די זאך, ס'זאל האבן א פונקטליכע קלארע מהלך, וואס איז די גזירה, אויף וואס איז מען לוחם, און דעמאלטס קען מען פירן א מלחמה ס'זאל אריינעמען אין זיך זייער א סאך אפילו פון אנדערע קרייזן, און דעמאלטס קען מען זען אז אונזער מערכה זאל דערהערט ווערן, ס'זאל דערהערט ווערן אין די אידישע גאס, ס'זאל דערהערט ווערן אין די גויאישע גאס, דעמאלטס קען מען אנהייבן פירן א מערכה וואס בסייעתא דשמיא האט עס באמת שאנסן מצליח צו זיין, און דאס איז געווען וואס דער רבי שליט"א האט דעמאלטס פארלאנג. למעשה האט מען עס נישט נאכגעגעבן, ממילא האלט מען יעצט ווי מען האלט.**

## מדוע לא רצו המארגנים לסדר "אסיפת רבנים"

**שאלה: איר זאגט מורא'דיג קלארע ווערטער, וואס וואלט איר געזאגט פארוואס טאקע האבן זיי זיך נישט צוגעשטעלט צו מאכן אסיפת הרבנים.**

**תשובה:** אז איר פרעגט פארוואס טאקע האט מען נישט נאכגעגעבן צו מאכן אזא אסיפה, איך וויל זיך נישט פאררעדן ברייט און אריינגיין אין האקעלע ענינים פון בין אדם לחבירו, איך וועל פרובירן צו רעדן נאר אביסל ברמז.

ווען איינער וויל צוזאמנעמען אלע סארט קהילות און קרייזן איז דא צוויי וועגן ווי אזוי ער קען עס צוזאמנעמען, **איין וועג איז אז ער האט א מהלך, ער האט א שפראך מיט יעדעם, דא האט ער א שפראך מיט דעם, דארט האט ער א שפראך מיט יענעם, און מען זעצט זיך אראפ, מען פארשטייט יעדן איינעם וואס זיינע פארלאנגען זענען, מען האט מיט יעדן איינעם א דיאלאג ווי אזוי אים צו ברענגען צום טיש, און מען ברענגט צוזאם אלע זאלן זיין אויף איין פראנט.** דאס איז איין מהלך וואס מען קען גיין, און כבר היה לעולמים, (וועל מיר באלד רעדן ווען מען האט שוין אזוי געטון).

**נאכדעם איז דא נאך א מהלך וואס מען קען גיין, מען קען טרעפן אויף יעדן איינעם, אויף יעדן קרייז און אויף יעדן רב קען מען טרעפן א וועג ווי אזוי אים צו 'שטעלן אין ווינקל' אז ער זאל זיך נישט קענען ארויסדרייען,** דאס איז די צווייטע מהלך ווי אזוי מען קען גיין. (איך זאג עס אויף די איידלסטע אופן וואס איך קען).

די יעצטיגע ארגאניזירונג פון די ערשטע מינוט אן, סיי מיט די חסידישע און סיי מיט די ליטווישע איז געגאנגען אויפ'ן צווייטן אופן, ס'איז א באקאנטע זאך ווי אזוי די ארגאניזירער ארבייטן, איך האב געזאגט איך וויל נישט אין דעם אריינגיין בפרטיות, אבער אלעס איז געגאנגען אויף דעם זעלבן אופן. מיט יעדן האט מען אנדערע 7 מהלכים וויאזוי אים צו צווינגען זיך צוצושטעלן בלינדערהייט, יענער דורך פרעשור אויף א זוהן און יענער דורך א פעטער או"וו, וזהו, אזוי פירט מען [- וויל מען פירן] כלל ישראל.

פאר עפעס א סיבה האט די ליטווישע וועלט, שוין נישט יעצט, שוין א וואך פאר שבועות האבן זיי געהאט א אסיפה אין לעיקוואוד, צוזאמען מיט שלוחים פון די ארגאניזירער און מיט פארטרעטער פון אלע ראשי ישיבות, זיי האבן געהאט דארט א גרויסע אסיפה, זיי האבן פארלאנגט פון זיי פון די ארגאניזירער איין זאך, זיי האבן א ראש ישיבה וואס פאר פיר יאר צוריק א' חקת, איז ער געווען דער וואס האט צוזאמגעברענגט די חסידישע מיט די ליטווישע, זיי ווילן ער זאל איבערגעבן פאר אים די אחריות אז ער זאל עס ווייטער טון.

פארוואס האבן זיי דאס פארלאנגט, ווייל ווען מען האט געהאלטן דארט האבן זיי שוין געהאלטן ביי אן א צאל זאכן וואס מען האט געטון קעגן זייער ווילן אויף א וועג אז מען האט זיי אויסגעשפילט, ווייל מען האט געוויסט אז זיי וועלן זיך ממילא נישט קענען ארויסדרייען. מען האט געוויסט אז זיי ווילן עס ממילא אזוי שטארק, זיי גייען זיך ממילא נישט קענען ארויסדרייען, ממילא קען מען באשטימען א פלאץ פאר מען באקומט רשות, מען קען נעמען א דאטום פאר מען שמועסט עס אפ, מען קען אלעס מאכן, און נאכדעם זאגט מען א תירוץ אהער אהין ארויף אראפ, ממילא האבן זיי געזען אז ס'איז נישטא מיט וועם צו רעדן א גראד ווארט מיט אחריות, האבן זיי פארלאנגט אז כדי זיי זאלן דא מיטארבייטן ווילן זיי שטעלן דעם ראש ישיבה ער זאל זיין אחראי אויף די גאנצע זאך.

**די תירוץ וואס איז צוריקגעקומען פון די ארגאניזירער איז געווען א טאטאלע איגנאראציע. מען געט נישט איבער פאר קיינעם, ס'בלייבט אין די ערשטע הענט. יענעם פרייטאג, - דאס מיינט פרייטאג פ' במדבר פאר שבועות - האבן די ליטווישע ראשי ישיבות שוין געגעבן זייער ענטפער אז ווי לאנג די ארגאניזירונג פון די עצרת בלייבט ווי אזוי ס'איז, קומען זיי נישט. (עס האט נישט קיין שייכות מיט דעם וואס זיי האבן שפעטער געזעהן אז ווייל ס'האט זיך אנגעהויבן רוקן מיט זייערע אייגענע אקטיוויטעטן ממילא ווילן זיי אז ס'זאל בכלל נאכנישט יעצט זיין דער עצרת, נאך פאר דעם האבן זיי שוין געזאגט אז אויב איז די עצרת ווי אזוי ס'איז, קומען זיי נישט און זיי האבן נישט קיין שייכות דערמיט).**

און איך ווייס אז מען וועט מיך פרעגן ווי אזוי ס'קען זיין אז מען האט לעצטע וואך מאנטאג פארשפרייט איבעראל אויף קאמיוניקאציע מיטלען אז דער ראש ישיבה פון לעיקוואוד האט גערעדט א שיעור אז יעדער איינער זאל גיין צום עצרת. איך וויל נישט דא ענטפערן די קשיא

ווי אזוי מענטשן קענען זאגן שקר, איך קען נאר אזויפיל זאגן אז ס'איז געווען שקר מיסודו, נישט עפעס א פינטל אמת וואס מען האט געבויט דערויף, נאר ס'איז געווען שקר מיסודו. שוין פון פרייטאג פ' במדבר איז שוין געווען א קלארער שליחות פון זיי צו די ארגאניזירער פון די עצרת אז זיי קומען נישט צום עצרת.

**די זעלבע מהלך איז אויך געווען לגבי אונזער קהלה, זיי האבן גוט געוויסט, מען האט זיי זייער א סאך מאל געזאגט אז אונזער רבי וויל אז בעפאר ס'קומט פאר אזא עצרת זאל זיין אסיפת הרבנים, די סיבה פארוואס זיי האבן נישט געמאכט אזא אסיפת הרבנים איז געווען ווייל די מהלך וויאזוי איינעם צו ברענגען צום עצרת, איז דאך נישט דורך אים צופרידנשטעלן, ס'איז דורך שטעלן אין א ווינקל.**

**ווי אזוי גייט מען אונז שטעלן אין א ווינקל? אז ס'גייט זיין די לעצטע וואך, מען גייט שוין נישט האבן קיין ברירה, מען גייט שוין גארנישט קענען טוישן, מען גייט שוין גארנישט קענען פארלאנגען, דעמאלטס געט מען א קום, דעמאלטס געט מען א פארלאנג "קומט'ס!..."**

און פארוואס גיי מיר אונז מוזן גיין? ווייל ס'איז דא עפעס א סעיף אין הל' קנאות, די לעצטע סעיף פון הל' קנאות, איך זאג די לעצטע ווייל אלע סעיפים ביז דארט איז געווארן ווען דער רביה"ק זי"ע האט נאך געלעבט, אבער ס'איז דא איין סעיף וואס איז צוגעקומען נאכ'ן הסתלקות פון רבי'ן ז"ל: אז ס'איז דא זאכן וואס מען דארף טון "כדי אויסצוזען רעכט", כדי ס'זאל נישט אויסזעהן לינק מוז איך טון אזוי. די סעיף אין הל' קנאות האט היינט צו טאג, - אויב מען מעג זאגן הויעך - איבערגענומען 60 פראצענט פון די קנאות, 60 פראצענט פון וואס מענטשן דארפן טון פאר קנאות איז נישט ווייל ס'איז טאקע ריכטיגע קנאות, נאר ווייל איך דארף עס טון כדי איך זאל זיין א רעכטער, כדי איך זאל נישט זיין קיין לינקער.

ווער ס'האלט אבער מיט וואס דער רבי שליט"א האט געטון די לעצטע פאר חדשים אויף דעם פראנט, און נישט נאר די לעצטע פאר חדשים, נאר איך קען זאגן די לעצטע פאר יאר. דער רבי האט ערקלערט אז דער סעיף עקזיסטירט נישט, ס'איז נישטא אזא סעיף אין הל' קנאות! דאס האט נישט מיט'ן שו"ע, ס'האט נישט מיט'ן אייבערשטן, דאס איז א סעיף וואס איז כל כולו שקר ומרמה, די סעיף האט דער רבי אויסגעריסן און ער האט געזאגט "איך ווער נישט ארייגעשטעלט אין א ווינקל ווייל מען האלט שוין די לעצטע מינוט און ממילא מוז איך גיין ווייל אויב נישט גייט איינער, דער אדער יענער, זאגן אז איך בין א לינקער", די נייע מין שפראך, דאס האט דאך גארנישט מיט אמת קיין שייכות. דער רבי ז"ל האט קיינמאל נישט געטון א זאך "ווייל ער זאל נישט אויסזען ווי א לינקער", וועלן מיר אויך נישט טון א זאך ווייל איך זאל נישט אויסזען, איך וועל טון וואס איז באמת דער אמת, און ס'פעלט זיך אויס באמת צו טון און איך וועל גיין מיט'ן אמת, און מיט דעם איז מען נישט לינק נאר מיט דעם איז מען רעכט! ממילא פאר דעם האט זיך נישט אויסגעארבייט די מהלך וואס מען האט געוואלט ארייגשטעלן דעם רבי'ן אין א ווינקל די לעצטע מינוט שלא כרצונו, ער זאל מוזן מסכים זיין אז די מערכה זאל זיך ווייטער פירן אויפ'ן נישט ריכטיגן וועג, דער רבי האט צו דעם נישט מסכים געווען.

שוין אפגערעדט וואס אזוי ווי מיר האמיר פריער גערעדט אז אין דעם איז אריינגעקומען נאך א זאך אז די ראשי ישיבות האבן געבעטן אז סיי וועלכע אופן זאל מען יעצט צוואווארטן אביסל, אבער אויסערדעם איז דער רבי בכלל נישט דערביי נאכצוגעבן פון אונזערע עקרונות אז אזא עצרת קען נאר פארקומען נאכדעם וואס מען מאכט א אסיפת הרבנים און מען נעמט ארויס די גאנצע נושא פון פאליטיק און מען קומט אריין צום אמת'ן מציאות וואס יא און וואס נישט. ווייל נאר אזוי קען עס בכלל עפעס אויפטוהן.

**און מען קען זען אז נישט נאר אונזער קהלה, נאר כמעט אלע אנדערע קהלות קדושות בישראל האבן דאסמאל געוויזן אז מען קען נישט גיין מיט דעם מהלך פון שטעלן יעדן אין ווינקל און זיך נישט רעכענען מיט קיינעם און פרובירן יעדן איינעם ארייצושטעלן אין א ווינקל אז מען זאל מוזן קומען, ווער ס'האט מיטגעהאלטן ווי אזוי ס'איז צוגעגאנגען, ווי אזוי מען האט געמאכט ליצנות פון רבנים, ווי אזוי ס'איז צוגעגאנגען די חתימות, די וואס האבן יא אונטערגעשריבן און די וואס האבן נישט אונטערגעשריבן, און די ליצנות וואס מען האט געמאכט פונעם סקולענער רבי'ן שליט"א, די ליצנות וואס מען האט געמאכט פון די וואס מען האט געמאכט אונטערשרייבן דורכ'ן פארקויפן שקרים וואס איך וויל נישט דא ארויפברענגען, און דורכ'ן ליצנות וואס מען האט געמאכט פון מערערע גדולי ישראל, וואס איין רב האט זיך ממש געמוזט באהאלטן אויף א גאנצע טאג אין א באהאלטענע פלאץ כדי מען זאל נישט קענען לייגן אויף אים - דאס וואס איך האב פריער אנגערופן 'שטעלן אין ווינקל', אבער... אויף לשה"ק הייסט עס "כח הזרוע", און אויף ענגליש הייסט עס פרעשו"ר אדער "טערארר", און מיט אזא אופן האט מען געוואלט ארומפירן די רבנים.**

## מה בין א' חקת לא' שלח

אז מען וויל נעמען א דוגמא ווי אזוי מען קען גיין מיט'ן אנדערן מהלך, ווי אזוי מען קען יא גיין מיט'ן גראדן וועג און זיך דורכקומען מיט יעדן, און שטעלן בראש אזעלכע מענטשן וואס מען קען האנדלען מיט זיי און זייער ווארט איז א ווארט, זיי דרייען נישט ארום, וואס זיי זאגן איז געזאגט, מען האלט זיך צו וואס מען זאגט, אמת'דיגע בעלי אחריות וואס רעכענען זיך מיט די אייגענע דעת תורה און מיט א אנדערע דעת תורה, און וואס דאס איז געווען איינע פון די שטארקע זאכן וואס דער רבי שליט"א האט יעצט פארלאנגט טאקע פון די רבנים ווען די רבנים זענען אריבערגעקומען, דער רבי האט געפרעגט ווער איז דער בעל אחריות וואס שטייט בראש וואס מען קען וויסן אז ער איז טאקע א בעל אחריות אז ווען ער זאגט א ווארט איז עס געזאגט, וואס אזא מענטש איז דערווייל נישט געווען דא.

ווען ס'איז געווען פיר יאר צוריק, א' חקת תשע"ג, דעמאלטס האט מען פאראייניגט באמת אלע קרייזן, איז די אנדערע קהילה האט דעמאלטס פארלאנגט פון אונז זאכן, נישט וועגן די תועלת המערכה נאר סתם אזוי, ס'איז א פארשטענדליכע זאך אז זיי ברענגען זייער ציבור דארף זייער ציבור זיך פילן דארט געשמאק, האבן זיי פארלאנגט זייער א סאך זאכן און אלעס איז געווארן נאכגעגעבן – אין די צייט וואס אלע הוצאות פון הונדערטער טויזנטער דאלער זענען געדעקט געווארן דורך אונזערע קהילות און מוסדות! – לדוגמה: זיי האבן פארלאנגט אז די לעדערהעד פונעם עצרת זאל א שיינעם טאג ווערן איבערגעדרייט אז

ס׳גייט אונטער די נאמען פון התאחדות הרבנים, און מען האט עס נאכגעגעבן, מען האט ארויפגעשטעלט אויפ׳ן קול קורא דעם לעדערהעד פון די התאחדות הרבנים; זיי האבן פארלאנגט צוויי רעדנערס ביי די עצרת און מען האט עס נאכגעגעבן, ס׳איז געווען צוויי רעדנערס מצדם ביים עצרת; זיי האבן פארלאנגט א פארמיטלער פון ביידע צדדים, ביידע זאלן זיין אחראי אז וואס דער צווייטער פארלאנגט ווערט נאכגעגעבן, און אלעס איז מען נאכגעקומען, מען האט קיין איין זאך נישט אויסגעפאפט קיינעם, אלעס איז געגאנגען בדרך האמת ובדרך הישר, און זיי האבן אפילו פארלאנגט אז א געוויסע עסקן וואס לויט זיי איז ער זיי עפעס שולדיג, האבן זיי פארלאנגט אז די עסקן טאר נישט זיין אויפ׳ן בימה ביים עצרת, און אפילו דאס איז מען אויך נאכגעקומען! מען האט געבעטן יענעם עסקן למען השלום זאל ער נישט זיין אויפ׳ן בימה און וכך הוה.

דאס איז נאר ארויסצוברענגען וואס ס׳מיינט ווען מען טוט אז ס׳זאל זיך צוזאמקומען און מען פרובירט יעדן איינעם צופרידנצושטעלן, **און די וועג ווי אזוי מען ברענגט אנדערע קהלות איז דורך זיך דורכקומען מיט יענעם און נישט דורך יענעם צוקוועטשן, יענעם שטעלן אין א ווינקל אז יענער זאל נישט האבן קיין ברירה און ער זאל מוזן מיטקומען. די סארט מהלך פון צוזאמברענגען גאנץ יהדות החרדית דורך דעם אז יעדער איינער זאל קומען ווייל ער האט נישט קיין אנדערע ברירה, די מהלך האט מען דא געוואלט מאכן. און די מהלך האט זיך יעצט ארויסגעשטעלט אז ס׳ארבייט מער נישט! ס׳איז ב״ה שוין דא אזא באגריף פון א דעת תורה, שוין ב״ה דא אזא באגריף אז ס׳גייט נישט אז ״עסקנים מאכן החלטות״ און נאכדעם ״דארפן די רבנים אונטערשרייבן דערויף״, נאר אלע קהלות קדושות בישראל האבן געזאגט קלאר אז מען דארף נאכקומען יעדן איינעם, מען דארף דערהערן יעדן איינעמ׳ס מהלכים, און דורכדעם אויסארבייטן א געהעריגע פאראייניגטע מהלך.**

**מען האפט נאך אז ס׳וועט נאך צושטאנד קומען, ס׳וועט נאך אנקומען דערצו אז ס׳וועט ווערן אויסגעארבייט אזא מהלך וואס זאל טאקע קענען פאראייניגן דעם גאנצן יהדות החרדית, מען זאל קענען דורכפירן אזעלכע מערכות וואס זאלן באמת אויפטון, ס׳זאל אויפטון אויף יעצט און ס׳זאל אויפטון אויף שפעטער, און מען וועט מצליח זיין מיט איין פרט מען וועט קענען גיין ווייטער מיט אנדערע פרטים, און בעזר ה׳ מיט׳ן כח התורה און מיט׳ן כח האחדות, מיט׳ן כח פון אמת וועט מען נאך בסייעתא דשמיא אנקומען זייער אסאך.**

## הליפות המכתבים בין ראשי הישיבות

**שואל: זייער קלאר ארויסגעברענגט. לאמיר צוריקגיין מיט וואס מען האט אנגעהויבן לגבי די ליטווישע קרייזן וואס איז געווען די בריוון אויסטוישן די לעצטע פאר טעג צווישן די ליטווישע גדולים.**

**תשובה:** די בריוון איז געווען אזוי: באמת האט זיך עס אנגעהויבן מיט א בריוו וואס הגאון הגדול ר׳ אהרן שעכטער שליט״א, ער איז סגן ראשי ישיבות דא אין אמעריקע. ער האט קודם אריינגעלייגט א בריוו אויף די ענגלישע שפראך פאר די בני תורה אין איינע פון זייערע צייטונגען, ס׳איז אזא וועכנטליכע אויסגאבע וואס קומט ארויס אין פלעטבוש, עס ווערט אויך פארשפרייט אין נאך זייער אסאך געגנטער, בארא פארק, מאנסי, אין פארשידענע געגנטער ליגט עס אין די געשעפטן, האט ער דארט געלייגט זייער א שיינע בריוו וואס ברענגט ארויס וואס די גזירה איז, דאס אז די רעגירונג וויל ביז 6 יאר אנקומען צו א מצב אז מען געט מער נישט קיין דיחוי, און עכ״פ אזוי איז דאך יעצט די געזעץ אז 6 יאר ארום דארף דאס פאסירן, און ווי אזוי ס׳גייט יעצט פאר, די פראבלעמען וואס מאכן זיך יעצט, און וויאזוי זיי ווילן נאך שווערער מאכן צו באקומען א דיחוי, זייער שיין ארויסגעברענגט די גאנצע זאך.

ס׳איז געווען די ערשטע מאל אין די לעצטע גאנצע תקופה - מען קען זאגן די לעצטע פאר יאר שוין - ס׳איז געווען די ערשטע מאל וואס אין יענע וועלט קומט ארויס אזא שיינע קלארע זאך וואס איז מסביר פאר׳ן עולם דארט אז ס׳איז יא דא עפעס א גזירה, דאס איז געווען די ערשטע זאך.

נאכדעם איז געווען ערב שבועות איז געווארן ארויסגעשיקט א בריוו פון די גדולי ראשי ישיבה פון דאהי, פון די ליטווישע וועלט פאר די ראשי ישיבה, וואס איך מיין אז אלע פון די צו וועם ס׳איז געווען אדרעסירט זענען חברי מועצת פון דגל התורה, און מען האט געשיקט פאר זיי א בריוו פרעגן, ס׳איז געווען א זעקס זיבן סעיפים, וואס זיי פרעגן שאלות וועגן די גזירה, פארוואס מען שווייגט אין א צייט וואס איז דא די 6 פונקטן, זיי האבן למשל אויסגערעכנט דארט, דאס וואס זיי הערן פון ראשי ישיבות, די עיקר פון ספרד׳ישע טאקע, וואס באוויינען די מצב אז בחורים פון זיי פארפלאנטערן זיך און זיי קומען אן אין מיליטער, סיי ווייל מען פארפלאנטערט זיך און ס׳ווערט א שווערע נסיון, און סיי ווייל מען קען נישט לוחם זיין קעגן די גזירה, ממילא איז טייטש אזוי, למשל ס׳איז דא ביי אונז טעכנאלאגיע, ס׳איז א נסיון פון טעכנאלאגיע, ווייסן אלע רבנים אז מען דארף רעדן און רעדן מען זאל קענעןביישטיין די נסיון, וואס דארט אין ארץ ישראל אויב ס׳איז דא בחורים וואס האבן פראבלעמען, און זיי האבן א נסיון פון גיין אין מיליטער, דארף מען דאך רעדן דערפון, פארוואס שווייגט מען, און זיי ברענגען דארט ארויס זייער בקשה אז מען זאל מסביר זיין פארוואס מען שווייגט אדער בעסער געזאגט אז מען זאל נישט שווייגן, אז מען זאל אנהויבן מעורר צו זיין.

למעשה איז צוריקגעקומען תירוצים אויף פארשידענע אופנים, און די תירוצים באציען זיך צו פארשידענע זאכן, אויבנאויף איז די תירוץ דארטן אז מען קען נישט אלעס רעדן ברבים, דאס איז מער וויניגער די תירוץ אויף האלב פון די קשיות, און די איבריגע ענטפערן זיי אז די מציאות איז היינט געווארן אלעס גרינגער, און גארנישט איז נישט שווערער ווי אמאל, נאר אדרבה אויב עפעס איז עס גרינגער ווייל ס׳גייט גרינגער צו באקומען א דיחוי. זיי באציען זיך צו דעם וואס מען האט אויסגע׳פועל׳ט אז די גרויסע ישיבות קענען גיין צוזאמען א סאך ישיבות אויף אמאל, און מען האט אויך אויסגע׳פועל׳ט אז מען זאל נישט דארפן מאכן קיין בדיקות רפואית אויף דעם אופן וואס מען האט געמאכט פאר א שטיק צייט ביז פאר צוויי יאר צוריק, דעמאלטס איז געווען וואס די וויזשניצער רבי שליט״א פון בני ברק האט עס אויסגע׳פועל׳ט, ווייל ער האט אויך געזאגט קודם מען זאל זיך נישט שטעלן ווי לאנג מען פועל׳ט נישט דאס אויס. און דאס איז געווען אז מען האט געמאכט אזא זאך אויף אזא פרט איז עס געלונגען אז מען האט דורכגעבראכן דעם פרט אז די

בדיקות זענען געווארן אויף א גרינגערן פארנעם, אויף דעם באציען זיך זיי.

אבער וואס זיי ענטפערן נישט, ס'איז דא ברענעדיגע פראגעס וואס איז בכלל נישט דא קיין תירוץ דערויף, די ערשטע זאך, אונז האמיר שוין גערעדט אין די פריערדיגע שמועס, אז די יסוד פון די גזירה יעצט איז "גזירת יעדי הגיוס", די מציאות איז אז די מינוט וואס מען שרייבט אונטער א געזעץ פון יעדי הגיוס וואס דארף זיך הייבן יעדעס יאר, אין די יעדי הגיוס באדייטן טויזנטער בחורים און יונגעלייט וואס דארפן אנקומען אין מיליטער, אפילו אויב מען צווינגט נישט קיינעם צו גיין אין מיליטער, אבער דאס איז פשט אז מען געט א הכשר אויף די זאך אז ס'איז דא אזא זאך אז חרדי'שע אידן גייען אין מיליטער, אויב אין די זעלבע צייט זאגט מען נישט אין די ישיבות, אין די כוללים, אין די בתי מדרשים אז ס'איז דא עפעס א פראבלעם מיט גיין אין מיליטער, מיינט דאך דאס פשוט אז מען האט גע'כשר'ט די זאך פון מיליטער ר"ל, ממילא יעדע בחור וואס האט נאר א האלבע נסיון אז די ישיבה איז נישט זיין פלאץ גייט ער דאך אין מיליטער פאר דעם אליין.

און נאכדעם איז דאך קלאר דאס אז אויב די רעגירונג האט אראפגעשטעלט יעדי הגיוס טוען זיי פארשידענע 'טריקס' אנצוקומען צו די יעדי הגיוס, אונז האמיר שוין אין פאריגע שמועס אויסגעשמועסט די דריי זאכן וואס זיי טוען כדי אנצוקומען צו די יעדים, און די גרעסטע חלק דערפון איז די פיתויים, זיי האבן צײדים און ס'איז ארויסגעקומען שוין א ביכל מיט די נעמען און מיט די בילדער און מיט די אינפארמאציע פון אלע וואס זענען דארט איינגעשטעלט וואס זענען געווידמעט אויף דעם צו פאנגען בחורים צו מיליטער, און ס'איז געווען דא שוין פארשידענע בחורים וואס האבן דערציילט עדות אז מען איז צו זיי צוגעקומען און מען האט זיי געוויזן בילדער: "קוק אהער, דער איז אין מיליטער, יענער איז אין מיליטער, אפשר קענסטו אויך גיין". און באמת איז דאס פאר א בחור א מורא'דיגע נסיון, מען זאל זיך פארשטעלן דא ווען איינער זאל ארומגיין צו די שוואכערע בחורים און איבעררעדן ער זאל נעמען פון אים א סמארטפאון און מען געט אים נאך צו געלט דערפאר, פארשטייט יעדער איינער אז דער בחור פאלט אריין אין א געפערליכע נסיון אויב איז ער נישט גענוג א שטארקער בחור.

אזא מין זאך גייט פאר במציאות אין ארץ ישראל און דאס איז א זאך וואס מען קען נישט לייקענען, צי די ועד הישיבות געט יא אונטערשריפטן צי נישט, דאס איז אויך אביסל זיך געקריגט מיט א מציאות ווייל ס'איז דא זייער א סאך בחורים וואס קומען ארויס פון דארטן אן א אונטערשריפטן. און זיי טענה'ן אויף דעם אז ס'איז זאכן וואס איז אלעמאל געווען און פארקערט זיי פרובירן עס בעסער צו מאכן, אבער ווי געזאגט איז דאך פארהאן אנדערע זאכן וואס איז נישט ניתן לטענה בכלל.

דאס איז סיי לגבי די יעדי גיוס, סיי לגבי די שתיקה אז מען רעדט נישט דערפון, האמיר שוין פאריגע מאל גערעדט אז ליידער דאס אז ס'איז געווארן א פאליטיק צווישן צוויי ליטווישע פארטייען דאס האט געמאכט נאכמער אז ווער ס'רעדט יא דערפון, אפילו ער איז נישט קיין ליטווישער, אפילו א ספרדי'שער אויב ער רעדט דערפון ווערט עס שוין א "פלג'יסט", מען איז עובר אויף לא תסור..., ממילא האט מען מורא צו רעדן, ממילא, די מציאות אז ס'איז דא טויזנטער בחורים אין מיליטער, אפילו אויב זאל עס נישט זיין קיין בחורים וואס מען האט ממש ארויסגעריסן פון ישיבה אבער ס'איז חרדי'שע בחורים און ס'איז נישט געווען ביז היינט אזעלכע נומבערס, די סיבה איז ווייל ס'איז דא אזא זאך ווי כשר'ן די מיליטער, און ס'איז נישט דא קיין קאמפיין דערקעגן ס'איז נישטא קיין מערכה דערקעגן. ממילא דאס איז א פשוט'ע זאך וואס האט נישט קיין תשובה. איז דאס קלאר אז אלעס וואס מען קען טון מעורר צו זיין די גאס, די ברייטע גאס, נישט אונזער גאס, **אונזער גאס איז דאך נישט יעצט אזוי ווייט אין די סכנה, די ברייטע גאס איז דער וואס איז אין די סכנה, יעדע פעולה וואס מען קען טון אז ס'זאל ארויסגיין אין די ברייטע גאס אז ס'איז נישט בלויז א סאטמארע זאך אז ס'איז דא א גזירת הגיוס נאר ס'איז א ברייטע יהדות החרדית וואס זאגט אז גיוס איז א גזירה און גיוס איז א פראבלעם, איז עס א מורא'דיגע תועלת, און מען דארף טון אלעס וואס מען קען אז מען זאל זיך יא קענען פאראייניגן אלע קרייזן אין א מערכה.**

און מען ווייסט נישט ווי אזוי ס'גייט גיין ווייטער מיט די בריוון אויסטוישן, אבער מען האפט אז מען וועט ערגעץ אנקומען, נישט אז מען טראכט אז די מועצת פון ארץ ישראל גייט זיך אסאך טוישן אבער ס'קען זייער א סאך משפיע זיין אויף פארשידענע יחיד'ישע ראשי ישיבות, רבנים, זאלן אנערקענען אז עפעס גייט דא פאר, און ס'קען בעזר השם אנקומען צו גרויסע זאכן וואס קענען זייער א סאך אויסמאכן אינעם עכטן מציאות, אינעם ריכטיגן מציאות.

**שואל: גוט, א גרויסן ישר כח פאר די ווערטער, יהי רצון מען זאל איבערקומען אלע גזירות רעות, און דאס יהדות החרדית זאל קענען ממשיך זיין צו גיין ווייטער אויפ'ן ערליכן דרך התורה, ביז מען וועט זוכה זיין צו ביאת הגואל.**

**תשובה:** יא. אזוי ווי איר זאגט אלע גזירות רעות ס'איז דא א סאך גזירות, איך מיין סאטמארע אידן ווייסן אז ציונות האט זיך נישט אנגעהויבן ביי גיוס און ס'ענדיגט זיך נישט ביי גיוס, און די ציונים זענען דא אויף העברת הדת און די ציונים זענען בעצם א כפירה מצד עצמם, זייער מדינה איז א כפירה, צו טראכטן אז די מדינה איז א גוטע זאך, דאס אליין איז א פגם און א ערנסטע כפירה, און מען דארף לוחם זיין קעגן די גזירה, קעגן אלע גזירות, און צום שורש פון די גזירות וואס איז "ציונות". דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען ממשיך זיין.

**שואל: יא. כל טוב, א יישר כח נאכאמאל פאר די טייערע צייט.**

**תשובה:** יא. הצלחה, און יישר כח.